בן=ציון רובשטיין

# די אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראך

פאַרלאַג „שול און לעבן" וואַרשע

בּ ז. ציון רובשטײן

# די אנטשטײוּנג און אנטװיקלוּנג פוּן דער ײדישער שפּראַך

(די סאָציאָלאָגישע און געשיכטלעכע פאַקטאָרן)

EESTI JA SUGUKEELTE ARHIIV * TARTU ÜLIKOOL Jnv. nr. 788

פאַרלאַג „שול און לעבן" װאַרשע

Юрьевская Еврейская библіотека имени Д-ра Я. А. Эйгеса № 1912

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

פ ו ן 1 ב י ז 2 ט ו י ז נ ט
געזעצט פארביארזש און גרינבערג לעשנא 37
געדרוקט ר״כמאן קארמעליצקע 15

---

B. Rubsztein / Powstanie i rozwój języka żydowskiego (Czynniki socjologiczne i historyczne) / Wydawnictwo „Szkoła i Życie" Warszawa 1922
Drukarnia Rajchmana Karmelicka 15.

# די אנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד

אַלס צייכן פון ליבע און
אַכטונג מיין פרי=פּאַרשטאָר=
בענעם פריינט בער באָראָכאָוו

Юрьевская Еврейская
Библiотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№ 1912

# I

## אַ קורצער געשיכטלעכער איבערבליק

די ערשטע געשיכטלעכע דאָקומענטן וועגן די יידן אין גערמאַניע, וואָס מיר פאַרמאָגן, געהערן צום 4-טן יאָרהונדערט. זיי דערציילן אונז וועגן אַ באַדייטנדער צאָל יידישע אומפרייע און פרייע ערד-אַרבעטער, ווי אויך פון ערד-אייגנטימער, וואָס האָבן צו יענער צייט געלעבט אין דער געגנט פון ריין, ווי אויך אין אַנדערע טיילן פון גערמאַניע און באַזונדערס אין קעלן[1].

ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין גערמאַניע געהער צו אַ סך פריערע צייטן.

די רוימישע אימפעריע, וואָס האָט געהאַט גענוג געלעגנהייטן צו איבערצייגן זיך אינם העלדנמוט און קאַמפּספעיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג צו יענער צייט (די אָפטע און פאַרביסענע מרידות פון די יידן) האָט גיך פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אויסצונוצן די דאָזיקע יידישע אייגנשאַפט לטובת אירע אינטערעסן. די יידן ווערן אין גרויסע מאַסן צוגעצויגן צו מיליטער-דינסט אין די אַלגעמיינע רוימישע לעגיאָנען, ווי אויך אַלס באַזונדערע יידישע אָפטיילונגען, כדי צו היטן די מלוכה-גרענעצן און באַטייליקן זיך אין קאַמף קעגן פאַרשיידענע רויבער און פיראַטן. אַזוי, צום ביישפיל, האָט טיבעריוס אינם 19-טן יאָר לויט דער קריסטלעכער ציילונג אָפגעשיקט אַ גרופּע פון 400 קריגספעיקע יידן קיין סאַרדיניע, כדי זיי זאָלן דאָרטן פירן דעם קאַמף קעגן

---

1) Social-und Wirtschaftsgeschichte der Juden in Mittelalter und der Neuzeit v. Georg Caro Bd. I S. 27 u. 35

די רויבער[2]. יוסף פלאַוויוס דערציילט, אַז בעת ער איז אַרום-געפאָרן דעם רויטן ים, האט זיך געפונען אין דער יידישער רייטער-אָפּטיילונג, וואס האט אים באַגלייט, אַ שטאַרקער און מוטיקער מאַן מיטן נאמען מאסאלאם (משולם?), וואס איז געוועזן אָנערקענט סיי פון די גריכן, סיי פון די באַרבאַרן, אַלס ערשטער און בעסטער בויגן-שיסער[3]. דערביי ווען יוסף פלאַוויוס רעדט וועגן דער דאָזיקער ספּעציעלער יידישער רייטער-אָפּטיילונג, רופט דאס בא אים קיין שום פאַרוואונדערונג נישט ארויס און ס'ווייזט דעריבער אויס, אַז דאס איז נישט געווען קיין איינצל-ערשיינונג.[4]

ווי סאָלדאַטן פון דער רוימישער אַרמיי און ווי קריגס-געפאנגענע, וואס זענען אַלס קנעכט פונאנדערגעשיקט און פאַרקויפט געוואָרן אין אַלע עקן פון דער אימפעריע, האבן די יידן שוין אין גאָר פריע צייטן געמוזט דערגרייכן די ווייטסטע צפון-פּראווינצן פון דער רוימישער אימפעריע — די גערמאַנישע געגנטן.

---

2) Gemeindeverfassung der Juden in Rom in d. Kaiserzeit v. Emil Schuorer Leipzig 1879 S. 6.

3) Flovius Jos. „Gegen Apion“ I Buch.

4) דער דעקרעט פון צעזאַרן, וואָס באפרייט די יידן פון מיליטער-דינסט, איז, ווי ס'איז צו זען פון די געבראַכטע פונקטן, גיך אַנולירט געוואָרן.

מיט די יידן, אַלס קריגס-מאַטעריאַל, האָבן זיך באַנוצט אויך די גריכן. אזוי, צום ביישפּיל, האָט פּטאָלאָמיי געשאַפן אַ גאנצע ריי יידישע מיליטער-קאָלאָניעס אין די שטעט פון ליביען (זע Flavius Jos. Gegen Apion Buch 2). לעצטנס האָט מען אויך אנטדעקט א יידישע מיליטער-קאָלאָניע אין עלפאַנטינע.

אינם חייל פון אַלכּסנדר מוקדון האָבן זיך אויך געפונען א סך יידישע סאָלדאַטן, לויט די עדות פון יוסף פלאַוויוס און בעת אַלכּסנדר מוקדון האָט באַשלאָסן צו בויען אין בבל דעם בעל-טעמפּל האָבן זיך די יידישע סאָלדאטן אָפּגעזאָגט מיטצוהעלפן, נישט-געקוקט אויף די שווערע לייב-און געלט-שטראָפן, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצושטיין (פלאַוויוס „געגן אפּיאָן“ בוך 2).

מען דאַרף זיך דעריבער באַציען מיט צוטרוי צו די עדות פון יוסף פלאַוויוס, בעת ער דערציילט וועגן דער גרויסער רעליגיעזער השפעה פון די יידן אויף די פאָלקסמאַסן פון דער רוימישער אימפעריע, וואס האט געבראַכט דערצו, אַז „עס איז נישטא קיין איינציקע גריכישע אדער באַרבאַרישע שטאָט אָדער פּראָווינץ, וואו ס׳זאל נישט האָבן אריינגעדרונגען אונזערע (יידישע) שבת-רו און וואו ס׳זאלן נישט געהיט ווערן אונזערע (יידישע) דינים וועגן הדלקת-נר און כשרות״[5]. און דאָס איז דאָך אין דערזעלבער צייט אַ דירעקטער עדות וועגן דער שטאַרקער צעשפּרייטקייט פון די יידישע מאַסן אין די ווייטסטע באַרבאַרישע פּראָווינצן — שוין אין דער צייט פון יוסף פלאַוויוס.

וועגן דעם קולטורעלן מצב און שפּראַך פון די יידן אין דער רוימישער אימפעריע (אַחוץ אַלעקסאַנדיה) האָבן מיר זייער ווייניק ידיעות. די מצבות, וואס זענען ביז איצט געפונען געוואָרן אין רוים, וואס אַ טייל פון זיי געהערן צום ערשטן און צווייטן יאָר-הונדערט לויט דער קריסטלעכער ציילונג, זענען על פּי רוב גריכישע און בלויז טיילווייז רוימישע מיטן צוגאָב פון איינצלנע העברעישע ווערטער „מנוחה״ „שלום״ „אמן״. יידישע מצבות מיט אויסשליסלעך העברעישע אויפשריכטן האט מען ביז איצט נישט געפונען. אויך קיין אַנדערע סמנים און שפּורן פון אַ העברעיש אָדער אַ העברעיש-אַראַמעיש שפּרעכנדער יידישער באַפעלקערונג אין רוים זענען ביז איצט נישט אנטדעקט געוואָרן.[6] אויב מיר וועלן דאָך פון דעם אַלעמען ניעט דרינגען, אַז אין

---

5) „געגען אפּיאָן״ בוך 2.

6) שירער „געמיינדע פערפאסונג דער יודען אין ראָם״. צווישן די יידישע סינאַגאָגן אין רוים איז אויך געווען איינע, וואָס האָט זיך גערופן די „סינאַגאָגע פון די העברעיער״. שירער מיינט דעריבער, אַז דאָס איז געווען די קהלה (סינאַגאָגע) פון די פּאַלעסטינער יידן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אַסימילירט שפּראַכלעך און האָבן פאַרבאַהאַלטן זייער יידישע (העברעיש-אַראַמעישע) שפּראַך לכל הפּחות אין זייער רעליגיעזן לעבן (תּפילות און דגל.) און האָבן זיך גערופן „העברע-

רוים איז לחלוטין נישט געווען קיין העברעיש אָדער העברעיש-אַראַמעיש-שפּרעכנדיקע באַפעלקערונג (צוליב דער שטענדיקער און אומאויפהערלעכער יידישער עמיגראַציע פון פּאַלעסטינע קיין רוים, ווי אויך צוליב דער גרויסער צאָל יידישע קריגס-געפאַנגענע, וואס די רוימער פלעגן אַוועקפירן פון ארץ-ישראל נאָך יעדער מרידה, האט רוים געהאַט אַ כסדרדיקן און צאָלרייכן צופלוס פון העברעיש-אַראַמעיש-שפּרעכנדיקע יידן), איז אָבער בלי ספק דאָס אַלץ אַ גענינגנדער באַוויז, אַז אַפילו אין רוים, וואו ס'האט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג, זענען נישט געווען קיין גינסטיקע תּנאים פאַרן קיום פון דער יידישער (העברעיש-אַראַמעישער) שפּראַך און די שפּראַכלעכע צוזאַמענגיסונג פון די יידן מיט דער נישט-יידישער באַפעלקערונג איז דאָ אין רוים פאָרגעקומען זייער האַסטיק אַזוי, אַז שוין אינם ערשטן און אין צווייטן יאָרהונדערט זענען די הערשנדע שפּראַכן באַ די רוימישע יידן געווען גריכיש אָדער לאַטיין און העברעיש-אַראַמעיש האט בלויז געשפּילט אַ נעבן-ראָלע.

---

יער" אין קעגנזאַץ צו די „העלעניסטן". בײ װעמען די גריכישע שפּראַך האָט אויך באַהערשט דאָס רעליגיעזע לעבן.

די דאָזיקע מיינונג איז אָבער נישט קיין ריכטיקע. אויף איינער פון די יידישע מצבות אין רוים, װאָס איז געשריבן געװאָרן אין לאַטיין, געפינט זיך אַן אויפשריפט „דאָ זענען באַגראָבן אַליפּיס טיבעריוס (Alypis Ti-berius) און זיינע זין יוסטוס און אַליפּיס (Justus et Alypis)—העברעיער.

פון דער לאַטיינישער אויפשריפט איז צו זען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַסימילירטע יידן, װאָס ברויכן שוין די רוימישע שפּראַך אַפילו אין זייער רעליגיעזן לעבן און דאָך װערן זיי אויף דער מצבה גערופן „העברעיער". מיינען װידער. אַז מיטן נאָמען „העברעיער" איז באַצייכנט דאָס לאַנד, פון װאַנען זיי זענען געקומען, איז נישטאָ קיין שום גרונד, װייל פון אַזאַ מנהג צו באַצייכענען אויף די מצבות דאָס אָפּשטאַמונגס-לאַנד איז אין די היסטאָרישע דאָקומענטן, װי אויך אויף די מצבות פון די רוימישע יידן קיין שום שפּור נישטאָ. מיר זענען דעריבער מסכּים מיט דער מיינונג פון דערענבורג, אַז מיטן דאָזיקן נאָמען – העברעיער –' זענען אין רוים באַצייכנט געװאָרן די שומרונים. װייל אַזוי האָבן זיי אויך גערופן די גריכן אין קעגנזאַץ צו יהודים (יודעי).

נאָך מער אומגינסטיק זענען געווען די תּנאים פאַרן קיום פון דער העברעיש-אַראַמעישער שפּראַך אין די קלענערע גרופּן יידישע קריגס-געפאַנגענע, קנעכט און סאָלדאַטן, וואָס זענען צע-שפּרייט געווען איבער די ווייטסטע האַלבווילדע באַרבאַרישע פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע. און דעריבער טאַקע האָט דאָ די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון די יידן מיט דער אַרו-מיקער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע רוימישע פּראָווינצן, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמענגעלעבט און האַנט באַ האַנט געקעמפט פאַר דער אימפּעריע, געמוזט זיין נאָך אַ שנעלערע, ווי אין דער הויפּט-שטאָט.

ס'איז דעריבער מער, ווי וואַרשיינלעך, אַז צום מאָמענט, ווען די דייטש-שפּראַכיקע באַרבאַרן האָבן באַקומען די פּאָליטישע הערשאַפט אין גערמאַניע, איז שוין דאָ קיין העברעיש-אַראַמעיש-רעדנדיקע יידישע באַפעלקערונג נישט געווען, און די יידישע „ציוועס ראָמאַני" (רוימישע בירגער) האָבן זיך דאָ שפּראַכלעך נישט אונטערשיידט (אפשר מיט קליינע אומבאַדייטנדע אויסנאַ-מען) פון די איבעריקע נ י ש ט - י י ד י ש ע „ציוועס ראָמאַני".

נאָך דעם, ווי די גערמאַנישע באַרבאַרן האָבן אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן פון די רוימער, האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענגער געזעלשאַפטלעכער פאַרקער צווישן די געוועזענע „רוימישע בירגער" און די באַרבאַרן, וואָס האָט פאַרהעלטנישמעסיק גיך גע-בראַכט צו קולטורעלער און שפּראַכלעכער צוזאַמענגיסונג פון די דאָזיקע ביידע, פריער פיינטלעכע טיילן. די רעליגיעז-באַזיגטע און אומקולטורעלע באַרבאַרן, האָבן שפּראַכלעך באַזיגט זייערע מער קולטורעלע רעליגיעזע און פּאָליטישע באַזיגער — די פריער-דיקע „רוימישע בירגער", וואָס האָבן געלעבט א י נ צ ל ו י י ז אינם גרויסן ים פון די באַרבאַרישע מאַסן.

די פאַרהעלטנישמעסיק גיכע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון די געוועזענע „רוימישע בירגער" מיט די דייטשע באַרבאַרן, ווייזט אַמבעסטן ווי אומגינסטיק ס'זענען געווען די תּנאים פאַר באַזונדערע שפּראַך-אינזלען אינם דייטש-שפּראַ-כנדן ים פון די באַרבאַרן, און ס'איז דעריבער קיין חידוש

נישט, וואס אויך די קליינע יידישע גרופּקעס און איינפּרייע ערד-אַרבעטער און סאָלדאַטן, נישט געקוקט אויף זייער רעליגיעזן סעפּאַראַטיזם, האָבן נישט געקאָנט אַנטקעגנשטיין דעם שפּראַכלעכן אַסימילאַציאָנס-שטראָם און צוזאַמען מיט די איבעריקע „ציוועס ראָמאַני" האָבן זיי זיך שפּראַכלעך צוזאַמענגעגאָסן מיט די באַרבאַרן.

אָבער גראָד פון דעם מאָמענט הייבט זיך אָן די אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון אונדזער יידיש-דייטשער שפּראַך.

שוין לאַנג נאָכדעם, ווי די יידן אין גערמאַניע האָבן זיך שפּראַכלעך צוזאַמענגעגאָסן מיט די דייטש-שפּרעכנדיקע באַרבאַרן, האט זיך אָנגעהויבן אַ קעגנזעצלעכע ערשיינונג אין אינדזער שפּראַכלעך-קולטורעלן לעבן. די דייטשע שפּראַך, נאָך דעם, ווי זי איז אַריינגעדרונגען אינם לעבן פון די דייטשע יידן און האט זיי פולקאָם באַהערשט, הייבט זיך אָן צוריק צו דערווייטערן בהדרגהדיק פון אורשפּרינגלעכן שורש און ווערט ענדלעך פאַרוואַנדלט אין מויל פון די יידן, וואס זעצן פאָר זייער לעבן און שאַפן אין דער דייטש-שפּרעכנדער סביבה, אין אַ זעלבסטשטענדיקער יידיש-דייטשער שפּראַך, וואס אונטערשיידט זיך זייער שטאַרק פון דעם אַרומיקן קריסטלעכן דייטש און איז כמעט לחלוטין נישט פאַרשטענדלעך די דייטש-רעדנדיקע שכנים.

די אַנטשטייונג פון יידיש-דייטש, דאס הייסט דער מאָמענט, ווען די דייטשע שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן האט אָנגעהויבן אָפּצוטיילן זיך פון דער שפּראַך פון דער אַרומיקער קריסטלעך-דייטשער באַפעלקערונג, געהער צו די גאָר אַלטע, „פאַר-היסטאָרישע" צייטן, וואס האָבן אונדז נישט איבערגעלאָזט קיין שום געשיכטלעכע דאָקומענטן וועגן לעבן און שאַפן פון די דייטשע יידן. אָבער אַפילו אין דער יידישער שפּראַך, וואס ווערט פון אונדז היינט צו-טאָג געברויכט, זענען דאָ פיל באַווייזן פאַר דער אור-אַלטער אָפּשטאַמונג פון יידיש-דייטש. לויט דער אויס-

פאָרשונג פון ד״ר יעקב גערזאָן געפינען זיך נאָך באַם איצטיקן מאָמענט אין דער געבּרויכלעכער יידישער שפּראַך אַ סך ווערטער און פאָרמען פון אַלטדייטש, וואָס זענען פרי פאַרלוירן געגאַנגען פון דער דייטשער שריפט- און רעד-שפּראַך (למשל, ביינקאָכן, הויערן - אַלעמאַניש, בייעריש און דרום-אַפריקאַניש אַלט וואָרט, קריצן, אָהייבן, שמעקן, איטלעכער און פיל אַנדערע[7]), וואָס ווייזט, אַז די יידישע שפּראַך האט זיך אָפּגעטיילט פון איר דייטשן שורש נאָך אין דער צייט, ווען די דאָזיקע ווערטער זענען געווען אַלגעמיין געבּרויכלעך, ד. ה. אין גאָר אַלטע צייטן.

אויך אין די דאָקומענטן, וואָס מיר פאַרמאָגן בנוגע דער דאָזיקער פראַגע, באַגעגנען מיר שוין שפּורן און אָנדייטונגען און שפּעטער אויך דירעקטע באַווייזן אויפן דאָזיקן פּראָצעס. אַזוי, צום ביישפּיל, האט ד״ר מאַקס גרינבּוים באַגעגנט אין אַ האַנטשריפטלעכער רש״י-קאָמענטאַר, וואָס געפינט זיך אין מינכענער (געוועזענער קעניגלעכער און הויף-) ביבּליאָטעק, דאָס וואָרט „ווערטאַ״, אַלס די „דייטשע״ איבּערזעצונג פון „גמד״. לויט דער אויספאָרשונג פון גרינבּוים, איז „וושקורטא״ נישט קיין דייטש וואָרט, דאָס איז אַלזוי אַ ספּעציעל יידיש-דייטש וואָרט (שפּעטער באַ „תשבי״ „גשקורטא״ — און נאָך זיין מיינונג זאָל עס זיין פון פראַנצויזישער אָפּשטאַמונג[8]), וואָס איז געווען אין געבּרויך באַ דער יידישער באַפעלקערונג שוין צו דער צייט פון רש״י, און דאָס באַווייזט, אַז שוין אין יענע פריערע צייטן האט די דייטשע

---

7) Dr. Jacob Gerzon „Die Juedisch-deutsche Sprache“, Frankfurt a|M. 1902.

ליידער האָט גערזאָן אונטערזוכט בלויז קאַרגע 400 ווערטער פון אונזער שריפט-און רעד-שפּראַך.

8) Dr. Max Gruenbaum „Juedischdeutsce Chrestomatie Leipzig 1882 S. 484—485.

די ביידע ווערטער „וושקורטא״ און „גשקורטא״ ווייסט נישט מ. גרינבּוים ווי אַזוי צו לייענען.

שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן פאַרמאָגט ווערטער, וואס האָבן לגמרי געפעלט אין דער דייטשער שפּראַך פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

די האַנטשריפטלעכע איבערזעצונג פון אַ מחזור, וואס שטאַמט מסתמא פון 14 יאָרהונדערט (אַלנפאַלס נישט שפּעטער פונם 15 יאָרהונדערט), וואָס געפינט זיך אין דער מינכענער ביבליאָטעק, אַנטהאַלט זייער פיל העברעישע ווערטער—תפלה, זכות, רשעים; אבות, מלאכים, תשובה און אַנד. — וואס האבן זיך שוין איינגעבירגערט אין דער יידיש-דייטשער שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן צו יענער צייט. ס׳געפינען זיך אויך אַ רייע פאַריידישטע דייטשע ווערטער—בורצום (אָנשטאָט מטה״דט פארטזאַם), נייערט און דג״ל, וואס ווייזט אָן ספק, אַז צו יענער צייט האט שוין די יידיש דייטשע שפּראַך זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער דייטשער שפּראַך פון דער אַרומיקער דייטשער באַפעלקערונג.[9]

באַזונדער בולט איז צו זעען דעם חילוק צווישן יידיש-דייטש און דייטש אינם 15 יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד — פון דער האַנטשריפטלעכער איבערזעצונג פון די 12 קליינע נביאים, פון וועלכע ס׳ווערט געבראַכט אויסצוגן באַ מ. גרינבוים (יידיש-דייטשע כרעסטאָמאַטיע)[10]. דאָ געפינען זיך שוין אין אַ באַדייטנדער צאָל פאַריידישטע דייטשע ווערטער און אַנדערע פרעמד-ווערטער: קעריך (פון מטה״דט קער פאַרן העברעישן אויסדרוק

---

דער יונגער יידישער פילאָלאָג דניאל לייבל לייגט פאָר צו לייענען „וואשקוואָרט" און „גושקוואָרט" – דאָס זאָל הייסן די ריטועלע קוואָרט, וואָס יידן באַנוצן זיך צום וואשן, וואָס מוז אַנטהאַלטן אַ געוויסע מאָס וואסער. פון דאַנען הידער, האָט האָס וואָרט געקאָנט בכלל ווערן א באַצייכענונג פון אַ מאָס פאַר פליסיקייטן. אויך אזא אופן הייסט גטה, אין קעגנזאַץ צו זרת, לויט דער פאַרטייטשונג פון רש״י און תשבי, אַ מאָס פאַר פליסיקייט אָדער בכלל פאַר אומפאַנג (מינדלעכע ערקלערונג).

9) M. Gruenbaum „Jüd.-deutsche Chrestomatie S. 289 u. a.

10) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 25 n. ff.

„סוררים") „אובעלן" (מטל"דט אובל טון — נאכגעבילדעט נאָכן העברעישן „הרע") „אונגעפריידן" (אנגעפריידן פאר מקראה פונם פראנצויזישן ווארט „פריער", וואס איז שוין לאנג אריין אין דער יידיש דייטשער שפראך פון די גערמאַנישע יידן אלס פרייען-בעטן, איינלאדן), געווינערין, טראָפּפען-זינגען פלאַן-שרון, טלמא (טאלם-חופה — איטאליענישע אפשטאמונג) מינערן, בערייטערין — קדשה, זונה, סטונדערין אנשטאט שטונדעוועהלער א. א. וו.

ס'איז אויך דא אין דער דערמאַנטער נביאים-איבערזעצונג אַ גאַנצע רייע דייטשע פאָרמען, וואס זענען געברויכט געווען בלויז אין דער ע ל ט ע ר ע ר דייטשער שפראַך: שכול-„פארייניקט, אינם זין פונם עלטערן דייטשן שפראַכגעברויך „אַליין זיין". „געפעסערט" (אסור), גלען (רמחים) און אנד. ס'באגעגענען זיך אויך דא אויסלענדישע ווערטער, וואס ווערן פון דער דייטשער באפעלקערונג נישט געברויכט „אָקאם" (קצח) און דג"ל

אויך די דייטשע ווערטער ווערן דא אפט געבראכט מיט געוויסע ענדערונגען, וואס ווייזן אויך, אז זיי פלעגן פון דער יידישער באפעלקערונג געברויכט ווערן אנדערש, ווי פון דער קריסטלעכער באפעלקערונג: צום ביישפיל, העבען אנשטאט העפע, פרונד (מהדט vriunt - ידיד) אָנטשטיינען (אנשטאט ענטשטיינען), וויספעלן (שרך אנשטאט „ליספעלן") טראכע (אנשטאט דראכע-פת).

אָנהייבנדיק פונם 16 יאָרהונדערט האָבן מיר שוין דירעקטע און גאַנץ באַגלייבלעכע ידיעות, ווי ווייט דער יידישדייטש פון די גערמאַנישע יידן האָט זיך אונטערשיידט פון דער שפּראַך פון דער צַרומיקער דייטשער באַפעלקערונג.

פּאַול עמיליוס אין זיין הקדמה צו דער אַרויסגעגעבענער יידישדייטשער ביבל-איבערזעצונג 1544 יאָר באַמערקט, אַז דערמיט האָט ער געוואָלט דערווייזן, אַז ס'איז אַ טעות, וואָס די קריסטן מיינען, אַז די יידן רעדן נאָך עד היום העברעיש,[11] און ווי

11) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 13.

ס'ווייזט אויס פון דער דאָזיקער ציטאַטע האָט זיך יידישדייטש אַזוי שטאַרק אונטערשיידט פון דער אַרומיקער דייטשער שפּראַך, אַז די קריסטלעכע דייטשע באַפעלקערונג האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען זייערע יידישע שכנים, בעת זיי האָבן גערעדט צווישן זיך און זיי האָבן געקאָנט מיינען, אַז זייערע יידישע שכנים רעדן צווישן זיך העברעיש.

אַז די דאָזיקע ווערטער אַנטשפּרעכן די ווירקלעכקייט איז צו זעען פון די יידישדייטשע ספרים און איבערזעצונגען פון יענער צייט („ספר התשבי״, „ספר מדות״, „ארחות צדיקים״, „ספר שמות דברים ע״י אליהו בתור אשכנזי הלוי״, לעוויטאס תהילים-איבערזעצונג 12) מיט זייער אומגעהייער גרויסער צאָל ספּעציפיש-יידישע ווערטער, וואָס זענען אומבאַקאַנט געווען דער דייטשער באַפעלקערונג, ווי אויך פאַריידישטע און אַלטע דייטשע ווערטער און פרעמדווערטער (טראָפּפען, טראָפּפע, געווינערין, לאמעל, שעכטן, שלאַק, שפּרייטן, קעריך, סבלנות (געוויסע חתונה-געשענק), פּוילציל, אָורן, בענטשען, נעביך, פאַמעליך, פּושט, גרייז, קאַטאָוועס, 13) מושיט (אָדער מע-שיטן), אָפּמעקן, איבלען, נייערט, וועהטאַג, עלטער, צוועהל (טוך), איטליגער, לאנצים, סַרְביר, סרגנות (קיטל, תכריכים), אָוקום (שוואַרצ-קימל) און דגל). אויך אַ צאָלרייכע מאַסע העברעיִשע ווערטער האָבן זיך צו יענער צייט פולקאָם איינגעבירגערט אין דער יידישדייטשער

---

12) Juedischdeutsche Chrestomatie, Die Juedische Literatur Śeit Abschluss des Kanons B. III v. Dr. Winter und Dr. Wuensche Ś. 536—37 Art. v. Gruenbaum.

ביבליאָטעק פון ייד. פילאָלאָג ב. באָראָכאָוו. בייל. צום „פנקס״ ווילנע תרע״ב.

13) אינטערעסאַנט זענען אייניקע ערקלערונגען, וואָס אליהו התש-בי גיט צו אייניקע יידישע-העברעיִשע ווערטער: „מחה אמתה ודומיהם המלמדים רוצים להבדיל ביניהם בל״א ופותרים...

... בלשון אשכנז אבמיקן ואינו לשון אשכנז רק לשון הקודש שנשתבש בפי התינוקות כי המלמדים שלא ידעו לפתור לשון מחיקה בלשון אש-כנז ואמרו אותו בלשון הקודש מחקן והתלמידים חשבו שהוא לשון אשכנז ולא הניעו את החית כדרך האשכנזים וכן אירע גם למלת שחטן שאומרים שעכטן וחושבים שהוא לשון אשכנז והוא לשון שחיטה״.

שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן. די ריין דייטשע ווערטער געהערן על פי רוב צו דער קאַטעגאָריע ווערטער, וואָס זענען שוין צו יענער צייט פאַרשוואונדן געוואָרן פונם אַלגעמיינעם דייטשן געברויך, אָדער זיי האָבן פאַרבאַהאַלטן זייער פריערדיקע צו יענער צייט שוין נישט געברויכלעכע פאָרמען און פאָנעטישע אייגנאַרטיקייטן, און ס'איז דעריבער לחלוטין זיך נישט צו וואונדערן, וואָס די אַרומיקע דייטשע באַפעלקערונג האָט זיי (לכל הפחות, נישט אַלע מאָל) נישט פאַרשטאַנען, בעת זיי האָבן גערעדט צווישן זיך.

בנוגע צום 17 יאָרהונדערט ווערט די שפּראַכלעכע אָפּגעזונ-דערטקייט פון די יידן אין דייטשלאַנד באַשטעטיקט דורך אַזעלכע וויכטיקע און באַגלייבטע עדות, ווי יאָהאַן בוקסטאָרף (דער זיידע)[14], וואגענזייל,[15] וואָס זענען געווען די גרעסטע בר-סמכאס אין יידישע אָנגעלעגנהייטן און זענען נאָך דערצו געווען די ערשטע און וויכ-

---

מ. גרינבוים איז נישט מסכים מיטן תשבי, אַז דאָס יידיש-דייטשע וואָרט „אפּמיקן" שטאַמט דירעקט פונם העברעישן וואָרט „מחה". ער מיינט, אַז דאָס געפינט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואָרט Moco-are און זיין סינאָנים Mecken, וואָס באַטייט אייגנטלעך צעקוועטשן, כאָטש דאָס וואָרט Maco-are אַליין (אַלזוי אויך זיין סינאָנים Mecken) האָט געקאָנט אָפּשטאַמען פונם העברעישן „מחה". אַלנפאַלס אָבער איז קלאָר, אַז צו יענער צייט איז שוין דאָס „מעקן" פון דער דייטשער באַפעלקערונג נישט געברויכט געוואָרן (לכל-הפחות אין די געגנטן, וואו די יידן האָבן געלעבט), אַנדערש וואָלט עס דער תשבי געוואוסט. אויסער דעם האָט דאָס וואָרט בײַ יידן אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג. Juedischdeutsche Chrestomatie S. 492.

צום וואָרט כתבות באַמערקט תשבית, אַז צוערשט האָט עס באַדייט אַ חנוכה-שפּיל אין צאָלן און אותיות, פון דאַנען דערנאָך אַ ווערטער-שפּיל שפּאַס.

14) אין זיין Lectionis Hebreo-Germanicue Usus et exertatio וואָס איז אַ הוספה צו זיין Cramations lingnae Sanctae Basel 1609 ווערט דערציילט, ווי אַ דאַנק זייער (די יידנס) פאַנאַטיזם מישן די יידן אין זייער שפּראַך העברעישע ווערטער און פאַרדאַרבן די באַדייטונג פון די אייגנטלעכע דייטשע ווערטער.

15) אין דער „פאָרטראַג" צו זיין ווערק: Belehrung der Jüdisch, Teutschen Red=und Schreibart. Koenigsbarg 1699 מאַכט וואַגענזייל פאָלגנדיקע באַמערקונג וועגן דער שפּראַך פון די יידן אין דייטשלאַנד:

טיקסטע פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. אויב בוקסטאָרף באַקלאָגט זיך בלויז אויף דעם, אַז די יידן מישן אַריין אין זייער דייטש אַ סך העברעיִשע ווערטער און פ א ר ד א ר ב ן די אייגנטלעכע דייטשע אויסדרוקן, באַהויפּט שוין וואַגענזייל, אַז אַ דאַנק דער פ א ר ד א ר ב ו נ ג פון די דייטשע ווערטער, דער ש אַ פ ו נ ג פון נייע און צומיש פון העברעיִשע, האָט זיך די דייטשע שפּראַך פון די יידן אַזוי שטאַרק געענדערט און אָפּגעטיילט פונם דייטשן שורש, אַז ווער ס'הערט זיי רעדן צווישן זיך, איז ז י כ ע ר. אַז זיי רעדן אויסשליסלעך העברעיִש pur lauter habräisch, וואו קיין איינציק וואָרט איז נישט פאַר-שטענדלעך".

זייער איִנטערעסאַנט איז אין דעם פּרט די באַמערקונג פונם רופא לייב וואליך פון פראַנקפורט אַ. מ. וועגן דער שפּראַך פון דער פראַנקפורטער יידישער באַפעלקערונג פון זיין צייט.

אין אפּריל 1716 יאָר האָט דער דאָזיקער רופא אָנגעשריבן אַ לויב-געזאַנג לכבוד דעם נייגעבוירענעם קרוינפּרינץ פון עסטרייך לעאפּאלדאס אויף הויכדייטש. וואַרשיינלעך האָט מען אים פאָרגע-וואָרפן, פאַרוואָס ער האָט נישט געשריבן דעם דאָזיקן לויבגעזאַנג אויף העברעיִש און ער פאַרענטפערט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט דערוויין דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַז אויך די יידן קענען זייער האָכדייטש (כיקצת מהאומות אינם חושבים ואינם מאמינים שיש בין אומה ישראלי אשר הם יודעים ומבינים לשונם

---

„Mit keiner Sprach sind die Juden jemals so wie man zu reden pflegt laesterlich als mit unserer Teutschen umgaengen – denn Sie haben solcher einer gantz fremden Thon und Laut gegeben die Guten Teutschen Woerter gastümmelt gradbrecht verkehrt neue uns unbekandte ärdacht wie auch unzaehlich viel hebreische Woerter und Red-Arten in das Teutsche gemischt, dass solcher gestal, wer sie Teutsch reden hoert nit anderst glaubt als sie reden pur lauter Hebreisch indem fast kein einiges Wort yerstaendlich vuerkommt".

דבורם (האכדייטש) ואף איינם היהודים מדברים כמותם וכהייתם אין זה חסרון ידיעת הלשון, רק זהו ההרגל שהם מורגלים בכך יותר לפי סדר הלמודים מנערות כל אומה — זו מורגל בכך וזו בכך וזהו סימן מובהק וההבדל גדול בין האומה הישראלי ובניהם[16].

ווי ס'איז צו זעען פון דער דאָזיקער ציטאַטע, האָבן אַ סך פראַנקפורטער דייטשן נישט געגלייבט, אַז זייערע יידישע שכנים קענען זייער האכדייטש און דאָס איז דער בעסטער סימן, ווי שטאַרק ס'האָט זיך אונטערשיידט די שפראַך פון די פראַנקפורטער יידן פון דער שפּראַך פון דער ארומיקער דייטשער באַפעלקערונג.

איבעריקס איז פראַנקפורט קיין אויסנאַם נישט. אין משך פון 17 — 18 יאָרהונדערט ווערן די יידן זייער אָפט באַשולדיקט אין דער דייטשער ליטעראַטור, אַז זיי באַנוצן זיך מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך, כדי אפּצונאַרן די קריסטלעכע קונים. אינם זעלבן פעריאָד ווערן אויך אין דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן פאַרהעלטנישמעסיק אַ באַדייטנדע צאָל לערן-ביכער, וואָס האָבן דעם ציל צו באַקענען די קריסטלעכע באַפעלקערונג מיט דער יידישער שפּראַך.[17]

מיר פירן אונטער אַ קורצן ס"ה דעם אנטוויקלונגס-כאַראַקטער פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד.

לאַנג נאָך דעם, ווי די יידן האָבן זיך שפּראַכלעך אינגאַנצן אַסימילירט מיט דער דייטשער באַפעלקערונג (מיט אויסנאַם אפשר פאַר רעליגיעזע באַגריפן, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט אין די גערמאַנישע שפּראַכן), האט זיך אינם שפּראַכלעך-קולטורעלן לעבן פון די דייטשע יידן אָנגעהויבן א קעגנזעצלעכע ערשיינונג

---

16) Schudt „Juedische Merkwuerdigkeiten" III Theil III Cont. S. 135.

די ציטאטע איז געגעבן געוואָרן פינקטלעך ווי זי איז געבראַכט בא שודטן. מעגלעך אָבער, אַז ער אַליין האָט זי שטאַרק פאַרגרייזט, ווייל ער איז געווען א גרויסער עם-הארץ.

17) זע „די ביבליאָטעק פונם יידישן פילאָלאָג" ב. בּאָראָכאָוו.

— אַ שפּראַכלעכע סעפּאַרירונג פון זייערע קריסטלעכע שכנים, נישט געקוקט אויף דעם, וואס זיי זענען געבליבן וואוינען אין דער שפּראַכלעך-קולטורעלער-סביבה, וואס האט זיי צוערשט שפּראַכלעך אינגאנצן באַהערשט. דער דאָזיקער פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אפּווייכונג האט זיך באַ דער יידישער באַפעלקערונג אנגעהויבן גאר לאַנג, אלנפאלס נישט שפּעטער ווי צום אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער. בהדרגהדיק האט זיך די יידישע שפּראַך אין דייטשלאַנד אויף אַזוי פיל געענדערט, אז שוין צום סוף פון מיטלאַלטער איז זי געווארן אומפארשטענדלעך פאר דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

נאך דעם דאָזיקן קורצן געשיכטלעכן איבערבליק אויף דער אנטוויקלונג פון דער יידישער שפראך אין דייטשלאַנד, וועלן מיר פרואוון פּעכטשטעלן די היסטאָרישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיבות, וואס האבן אַרויסגערופן די דאָזיקע אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג פון אונזער שפּראַך.

## II

## די ווירקונג פונם איטערנאַציאָנאַלן האַנדל אויף דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער שפּראַך.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אז די ערשטע דאָקומענטן, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן יידן אין די גערמאַנישע לענדער (פון 4-טן יאָרהונדערט), דערציילן אונז וועגן אַ יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט, ווי אויך וועגן יידישע ערד-אייגנטימער.

מיט אַ פּאָר יאָרהונדערט שפּעטער באַגעגענען מיר שוין די יידישע באַפעלקערונג אין די דייטשע לענדער, כמעט ווי אַן אויסשליסלעכע האַנדלס-גרופּע, וואָס האָט פונם 7-טן יאָרהונדערט און ווייטער כמעט מאָנאָפּאָליזירט דעם מזרח-האַנדל. די יידן זענען דאַן געווען די איינציקע, וואָס האָבן ווירטשאַפטלעך פאַרבונדן די דייטשע געגנטן מיט די ווייטסטע טיילן פון די מזרח-לענדער

אין האָבן אינגאַנצן אַרויסגעשטופּט דעם פריערדיקן אינטערנאַציאָנאַלן הענדלער — דעם סיריער.

ווי אַזוי איז פאָרגעקומען די דאָזיקע ראַדיקאַלעווירטשאַפטלעכע ענדערונג אינם לעבן פון די דייטשע יידן?

נאָך דעם, ווי די גערמאַנישע שבטים האָבן אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן די געזעלשאַפטליכע מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם „באַרבאַרישן כופר“ פונם קאַטוילישן רוימישן תושב און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צוזאַמענשמעלצונג פון די דאָזיקע ביידע טיילן באַפעלקערונג. און ווייל די „באַרבאַרן“ זענען געווען דער באַדייטנדסטער רוב פון דער באַפעלקערונג, זענען די רוימער אינגאַנצן בטל געוואָרן אין דער קוואַנטיטאַטיוו גרעסערער מאַסע גערמאַנער, און פון די אַלע פריערדיקע „ציווּעס ראָמאַני“ זענען געבליבן בלויז די נישט־גלייכבאַרעכטיקטע יידן.

צוזאַמען מיט די רוימער איז פאַרשוואונדן געוואָרן — וואו פריער, וואו שפּעטער — דאָס רוימישע רעכט און זיין אָרט האָט פאַרנומען דאָס געוואוינהייטס־רעכט פון די גערמאַנישע שבטים[18]). בא אייניקע פון די דאָזיקע שבטים האָבן אַלע בלוט־פרעמדע (אַלזאָ אויך די יידן) געבילדעט אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע פון נישט־גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אָן פּאָליטישע רעכט, ווי אויך אָן דעם רעכט צו באַזיצן לאַנד.[19]) לויט דעם דאָזיקן געוואוינהייטס־רעכט פון אייניקע גערמאַנישע שבטים, האָבן די יידישע אייגנטימער, וואָס האָבן געהאַט זייערע גיטער נאָך פון דער רוימישער הערשאַפט, אָדער וואָס האָבן זיי באַקומען, אַלס רוימישע בירגער, בעת דער ערד־פאָנד איז צעטיילט געוואָרן צווישן די באַרבארן און פריערדיקע „ציווּעס ראָמאַני“, — איצט פאַרלוירן זייער רעכט ווייטער צו באַזיצן זייערע נחלות און געמוזט אויף וואָסער נישט איז אופן — אין גרעסטן טייל באַלוינונג — עקספּראָפּריאירט ווערן.

---

[18]) Caro G. 1 S. 60.

[19]) Учебникъ Государственнаго права. Ивановскій стр. 102 изд. 1910.

אָבער אויך דאָרט, וואו די געוואוינהייטס-רעכט פון די גער־מאַנישע שבטים האָט מעגלעך געמאַכט פאַר די בלוט-און רעליגיעז־פרעמדע, אַלזוי אויך פאַר די יידן, דעם ערדבאַזיץ — האָבן זיך די יידישע לאַטיפונדיעס איבער אַנדערע סיבות שוין אין פריערן מיטלאַלטער געמוזט שטאַרק פאַרקלענערן.

באַם יידישן ערד־אייגנטימער איז שוין זייער פרי אָפּגענו־מען געוואָרן דאָס רעכט אריינצוטרעטן אַלס מיטגליד אין דער דייטשישער „מאַרקע" און ער האָט אויף אַזאַ אופן אָנגעוואוירן איר שוץ. אין יענע אומרויקע צייטן איז עס געווען זייער אַ גרוי־סע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן ערד־באַזיץ. אַ חוץ דעם זענען שוין אין פריערן מיטלאַלטער די יידישע גרונט־באַזי־צער געוועזן שטאַרק באַגרענעצט אין זייער רעכט צו באַנוצן קריסטלעכע און באַרבאַרישע קנעכט פאַר זייערע מאַיאָנטקעס, און דאָס איז ווידער געווען אַ שטאַרקע מניעה פאַר דער אַנטוויקלונג פונם יידישן לאַנד־באַזיץ [20].

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז אַפילו דאָרט, וואו, לויטן געוואוינהייטס-רעכט פונם הערשנדן שבט, האָבן די יידן נישט פאַרלוירן זייער רעכט צו באַזיצן ערד־נחלאות, האָבן דאָך די יידישע ערד־אייגנטימער — וואו פריער, וואו שפעטער — גע־מוזט פאַרקויפן זייערע אומבאַוועגלעכע גיטער, און די באַקומענע באַוועגלעכע גיטער פאַרווענדן אויף אַנדערע געשעפטן — און דאָס איינציקע, וואָס איז פאַר די געוועזענע יידישע לאַטיפונדיעס מעג־לעך געווען צו יעגער צייט — איז דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל.

באַם איבערגיין פון די געוועזענע יידישע לאַנדבאַזיצער צום אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל — האָט מיטגעווירקט: א) וואָס הגם די יידן האָבן נישט געשפילט קיין באַזונדער שטאַרקע ראָל אינם אינטערנאַציאָנאַלן מסחר אין די ערשטע יאָרהונדערטן, איז זיי דאָך פון גאָר-אַמאָל דער אינטערנאַציאָנאַלער מסחר נישט געווען אינ־גאַנצן פרעמד, און איינצלנע סוחרים ווי אויך אייגנטימער פון

---

20) אָנהויב פון קאַפּיטאַליזם פון דר. י. שיפּער.

האַנדלס־שיפן באַגעגענען מיר בא זיי שוין אין גאָר־אַלטע צייטן[21], ב) דער רעליגיעזער צוזאַמענהאַנג צווישן די יידן אין אַלע עקן וועלט און די געדיכטע נעץ פון יידישע קבוצים.[22]

אַ דאַנק די דאָזיקע גינסטיקע תנאים איז דעם יידן גיך געלונגען אָפּצוהאַלטן אַ ניצהון איבער זיין סירישן קאָנקורענט, אין וועמענס הענט ס'האָט זיך ביזן 6־טן יאָרהונדערט (איינשליסלעך געפונען דער מזרח־האַנדל[23]) און די יידן ווערן אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלט כמעט אין אַן אויסשליסלעך האַנדלס־פאָלק.[24])

דער האַנדל אין יענער צייט איז אָבער געווען אַ וואַנדער־האַנדל. דער סוחר האָט פּערזענלעך געמוזט צוזאַמען מיט זייַנע קאַראַוואַנען, שיפן אָדער סחורה־געפּעק באַזוכן פאַרשידענע מדינות און אָפט יאָרנלאַנג פאַרברענגען אויף זיין האַנדלס־רייזע

21] Caro G. S. 62 u. f.

22) וועגן דער ווירקונג פון דער אמונה אויף די האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט נייע לענדער זע:
Roscher, Die Stellung der Juden in Mittelalter in Ansichten des Volkswirtschaft II S. 509 u. f.

23) Kleinere Forschungen zur Geschichte des Mittelalters IV-Vll Jarh. v. Scheffer Boichorst u. a. „Mitteîlungen des Instituts fuer Oesterreichische Geschichte B. Vl.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין דער גאַלישער שפּראַך האָט אַ סוחר געהייסן „סיריער", ווייל בלויז זיי זענען געווען די טרעגער פון האַנדל, וואָס איז צו יענער צייט געווען אויסשליסלעך אַן אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל (פאַרגלייך אין העברעיש „כנען"־סוחר).

24) וועגן דעם גורל פון די איבעריקע יידישע שיכטן ווייסט אונדזער געשיכטע גאָר נישט צו דערציילן· ס'איז אָבער פעסטגעשטעלט, אַז אַ חוץ אייניקע אויסנאַמען, באַגעגענען מיר די יידן אומעטום אין מערב־אייראָפּע אַלס סוחרים שוין אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער. מ'קאָן בלויז משער זיין, אַז נישט נאָר די יידישע קנעכט, נאָר אויך די יידישע פרייע און האַלב־פרייע ערד־אַרבעטער האָבן מיט דער אַנטוויקלונג פון פעאָדאַליזם, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פרייע און האַלב־פרייע ערד־אַרבעטער פאַרלוירן זייער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט און געהאָרן לייב־אייגנטום פון די פריצים, וועמענס הערשאַפט ס'איז געווען אַבסאָלוט אומבאַגרענעצט. לויט דער אַלגעמיינער טענדענץ פון אַלטערטום און

אין אומבאַקאַנטע לענדער און צווישן פרעמדע פעלקער. אויף אַזאַ אופן, האָט כמעט די גאַנצע עקאָנאָמיש־טעטיקע יידישע באַפעלקערונג (באַזונדערס די מאַנסבילן) דעם גרעסטן טייל פון זייער אַרבעטס־לעבן פאַרבראַכט אין פרעמדע לענדער צווישן אומבאַקאַנטע פעלקער און זיך געפונען אונטער דער השפעה פון אַ גרויסער צאָל פרעמדע שפּראַכן, קולטורן, געוואוינהייטן און מנהגים.

ווי אַזוי דער דאָזיקער פאַקט האָט געדאַרפט ווירקן אויף דער שפּראַכלעכקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג צו יענער צייט, איז אַמבעסטן צו זעען פון פאָלגנדיקער אַנאַלאָגיע:

אין דער ענגלישער שפּראַך זענען אַריינגעפלאָסן אַ גאַנצע רייע אינדישע ווערטער, וואָס די ענגלישע מאַטראָזן און סאָלדאַטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון אינדיע און דורך זיי זענען זיי אַריינגעדרונגען ווייטער אין דער געברויכס־שפּראַך[25].

די פראַנצויזישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט אין אַלזשיר, האָבן איבערגענומען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אַ גאַנצע

---

מיטלאַלטער איז נאָך לייכט געווען צו צווינגען די יידישע קנעכט פרייע און אומפרייע ערדאַרבעטער אָנצונעמען די אמונה פון די הערשער־פעאָדאַלן און אויף אַזאַ אופן, אויך רעליגיעז צוזאַמענגיסן זיי מיט דער ווירטשאַפטלעך־אַנטשפּרעכנדיקער אַרומיקער באַפעלקערונג. דאָס האָבן געפאָדערט די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן פון די הערשנדיקער קלאַסן, וואָס האָבן געמוזט די רעליגיע אויסנוצן ווי אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן זייער ממשלה.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז בלויז אַ השערה, וואָס געפינט זיך אין פולן הסכם מיט דער געשיכטלעכער און ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון יענער צייט. די יידישע היסטאָרישע־פאָרשער בלייבט די דאָזיקע זייער וויכטיקע פראַגע אונטערצוזוכן און באַלייכטן אויפן סמך פון היסטאָרישע דאָקומענטן.

25) M. Gruenbaum „Mischsprachen nnd Sprachmischungen" Berlin 1886 S. 9 u. f.

גרינבוים ציטירט די ווערטער נאָך דער דריטער אויפלאַגע פון The Slang Dictionary London 1864

רייע ווערטער, וואָס זענען דורך זיי שפּעטער אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקס־שפּראַך פון די פּאַריזער מאַסן.[26]) דורך דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי גרויס ס'האָט געדאַרפט זיין די צאָל ווערטער, וואָס דער יידישער סוחר, פאַרברענגענדיק דאָס גאַנצע לעבן אין פרעמדע לענדער, האָט געמוזט אַריינגעמען אין זיין געברויכס־שפּראַך. און אויב די דערמאָנטע גרופּן — די ענגלישע און פראַנצויזישע סאָלדאַטן — וואָס האָבן געבילדעט אַן אומגעהייער קליינעם טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס האָבן נאָך דערצו געהערט צו די שיכטן מיט אַ קלענערן קולטורעלן איינפלוס, האָבן געהאַט אזאַ השפּעה אויף דער שפּראַך פון זייער לאַנד און האָבן אריינגעבראַכט אַהין אַ טייל פון די פרעמד־ווערטער, וואָס זיי האָבן אַסימילירט אין דער צייט פון זייער דינסט און רייזע, — איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי גרויס ס'האָט געדאַרפט זיין די השפּעה פון די יידישע אינטערנאַציאָנאַלע סוחרים אויף דער שפּראַך פונם איבעריקן, עקאָנאָמיש און קולטורעל שוואַכערן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער היים. די גרויסע צאָל פרעמד־ווערטער, וואָס דער יידישער סוחר האָט איבערגענומען אין זיין געברויך־שפּראַך, איז כמעט אָן מניעות און ווידערשטאַנד אַריינגעדרונגען אין דער געברויך־שפּראַך פון דער איבעריקער היימישער יידישער באַפעלקערונג.

דער אינטערנאַציאָנאַלער האנדל האָט געווירקט אויף דער שפּראַכלעכקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אויך אויף אַן אַנדער שטייגער.

דער פעריאָד, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, דאַרף באַצייכנט ווערן, אלס בליונג־צייט פון דער אַזוי־גערופענער „פרעמדן־מאָראל". דאָס, וואָס איז געווען אַמשטרענגסטן פאַרבאָטן בנוגע די מיטגלידער פונם אייגענעם שבט אָדער אמונה־גרופּע, איז דערלאָזט געווען בנוגע „פרעמדע" — מיטגלידער פון אַן אנדער שבט, פאָלק

---

26) C. Villat „Parisismen" Sammlung der eigenartigen Ausdruckweisen des Pariser Argot" A 1884.

ציטירט נאָך גרינבוים „שפּראַך־מישונגען" זייט 16 און פאָלג.

אָדער אמונה. רויבערישע אָנפֿאַלן אויף פֿרעמדע קאַראַוואַנען, שיפֿן א. דגל. פֿלעגן אפֿילו געלויבט און באַזונגען ווערן. דעריבער איז דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל צו יענער צייט.געווען איינע פֿון די שווערסטע און געפֿערלעכסטע באַשעפֿטיקונגען. פֿירן דעם דאָזיקן האַנדל האָט געקאָנט בלויז די גרופּע, וואָס איז אימשטאַנד געווען צו פֿאַרקלענערן די דערמאָנטע רויבער-געפֿאַרן און פֿאַרזיכערן זיך אין די דורכרייז-לענדער און וועגן — שטיק- און שוק-פּונקטן.

דאָס איז מסתּמא געווען די וויכטיקסטע סיבה, פֿאַרוואָס די געוועזענע יידישע גוט-באַזיצער, וואָס האָבן געמוזט פֿאַרוואַנדלען זייערע גיטער אין באַוועגלעכע קאַפּיטאַלן, האָבן באַקומען די מעגלעכקייט שנעל אָפּצוהאַלטן אַ ניצחון איבער דעם פֿריערדיקן האַנדלס-מאָנאָפּאָליסט — דעם סירייער און אינגאַנצן ארויסשטויסן אים פֿון דעם דאָזיקן געביט. אַ דאַנק דער יידישער צעשפּרייטקייט איבער דער גאַנצער וועלט זענען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן יידישן אינטערנאַציאָנאַלן סוחר „נאַטירלעכע" שטיק- און שוק-פּונקטן, וואו ער האָט געקאָנט צו אַלע צייטן געפֿינען הילף און די נייטיקע אָנווייזונגען.

די יידישע קהילות האָבן אָבער געקאָנט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין שטיק-פּונקטן פֿאַרן יידישן אינטערנאַציאָנאַלן מסחר בלויז אין דעם פֿאַל, ווען די יידישע סוחרים האָבן אַ מעגלעכקייט צוזאַמענצורעדן זיך מיט די געמיינדן, וואָס ליגן אויף זייער האַנדלס-וועג. די יידישע קהילות זענען אָבער צו יענער צייט כּמעט אומעטום שפּראַכלעך געווען אַסימילירט מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, און קענען די שפּראַכן פֿון אַלע יידישע קהילות וואָלט אייגנטלעך געהייסן קענען אַלע שפּראַכן כּמעט פֿון גאָר דער וועלט. ס'איז דעריבער אומבאַדינגט נייטיק געווען פֿאַרן יידישן מזרח-שן (אינטערנאַציאָנאַלן) האַנדל צו געפֿינען אַ הילפֿס-שפּראַך, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צוזאַמענצורעדן זיך מיט די יידישע קהילות. — אין אַזאַ האַנדלס-הילפֿס-שפּראַך האָט געקאָנט פֿאַרוואַנדלט ווערן בלויז העברעיש-אַראַמעיש — די שפּראַך פֿון תּלמוד, וואָס האָט רעגולירט

דאָס רעליגיעזע לעבן פון אַלע יידישע קהילות — די שפּראַך, אויף וועלכער ס'האָבן צו יענער צייט נאָך גערעדט אַ באַדייטנדע צאָל יידישע קהילות אין פאָדער-אַזיע און וואָס איז מער אָדער ווייניקער געווען באַקאַנט די יידישע פאָלקס-פירער און אינטעליגענץ פון גאָר דער וועלט. צווערשט האָט זיך דער יידישער סוחר אויף דער דאָזיקער שפּראַך געגריסט מיט די מיטגלידער פון די איבעריקע יידישע קהילות — מיטן טראַדיציאָנעלן „שלום־עליכם", וואָס איז שוין געווען פאַרשוואונדן אין דער צייט פון דער רוימישער און גריכישער שפּראַך־אַסימילאַציע. אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען די נייטיקע האַנדלס־אָנווייזונגען און דגל. אויף העברעיש־אַראַמעיש האָט ער זיך אויך געווענדט צו די אָנפירער פון די פרעמדע יידישע קהילות, ווען ער איז געצוואונגען געווען צו בעטן ביי זיי שוץ אָדער הילף קעגן רויבער־אָנפאַלן אָדער זייער שתדלנות וועגן אַ „חסד" בײַ די אָרטיקע הערשער. באַזונדערס אָבער האָט זיך דער יידישער סוחר געמוזט באַנוצן מיט דער העברעיש-אַראַמעישער שפּראַך בעת ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן בײַ די יידישע קהילות, וואָס פאַר אַ סחורות ס'קאָנען אין דעם אָדער יענעם אָרט געפינען אַן אָפּזאַץ, וואָס פאַר אַ סחורות מ'קאָן איינקויפן און דגל. דעריבער האָבן זיי פאַר די זאַכן, מיט וועלכע זיי האָבן דער עיקר געהאַנדלט (די איידעלע שטיינער, מזרח־פירות, קנעכט, פאַרשידענע צירונגען) — ווי אויך אַנדערע האַנדלס־באַגריפן — געמוזט באַצייכענען מיט העברעישע נעמען און אַ טייל פון זיי זענען סוף־כל־סוף אריינגעדרונגען אין זייער אַ יגענער געברויך-שפּראַך, און פון דאַנען אין דער שפּראַך פון דער איבעריקער היימישער יידישער באַפעלקערונג.

אַז די דאָזיקע השערה אַנטשפּרעכט באמת דעם געשיכטלעכן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער שפּראַך — איז צו זען פון פאָלגנדיקע ביישפּילן.

צווישן די מזרח־פירות, מיט וועלכע די יידן האָבן אין מיזרב-אייראָפּע — אַלזוי אויך אין די דייטשישע לענדער — געהאַנדלט שוין אין פריערן מיטלאַלטער, האָט זיך אויך געפונען טרוקענע טרויבן, וואָס די יידן האָבן גערופן מיטן העברעישן נאָמען

צמוקים (דאָס וואָרט האָט זיך באַהאַלטן אין אונדזער שפּראַך עד־היום), וואָס איז אויך אריין אין זייער אַלגעמיינער געברויך־שפּראַך און פון דאַנען איז עס ווייטער אַריינגעדרונגען אַפילו אין דער געברויך־און שריפט־שפּראַך פון דער איטאַליענישער באַפעלקערונג פון ווענעציע און האָט שוין אין 16־טן יאָרהונדערט בא זיי באַקומען אַן איטאַליענישע ענדערונג (Simuki).[27])

אין דער האַנט־שריפטלעכער איבערזעצונג פון די 12 קליינע נביאים, וואָס שטאַמט פון 14 אָדער 15 יאָרהונדערט — ווערט פון די צוויי ווערטער קצה וכּמון בלויז איבערזעצט דאָס ערשטע וואָרט קצה (אָקאָם — די אָפּשטאַמונג פונם דאָזיקן וואָרט איז גרינבוים נישט דערגאַנגען) בעת דאָס צווייטע וואָרט כּמון (קימעל) בלייבט נישט איבערגעזעצט[28]), — פאַרשטייט זיך, דערפאַר, וואָס אונטער דעם נאָמען איז עס געווען באַקאַנט דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג — דאָס הייסט, אַז עס איז געוואָרן אַן אַלגעמיין געברויכלעך וואָרט אין דער שריפט־און רעד־שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג. כּמון — איז אויך געווען איינע פון די הויפּט־געגנשטאַנדן פונם יידישן האַנדל אינם פריערן מיטלאַלטער.

ווי באַקאַנט, האָבן אויך די איידלשטיינער (אבנים טובות) געשפּילט א גרויסע ראָל אינם יידישן אָריענטאַלישן מסחר שוין אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער. ס'איז אינטערעסאַנט דעריבער, וואָס אינם „תשבי" (1526 יאָר) בלייבן די נעמען פון די איידלשטיינער ספּיר און ישפה[29]) נישט דערקלערט און, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז מעגלעך געווען דערפאַר, וואָס די דייטש־רעדנדיקע יידן האָבן די דאָזיקע שטיינער געקאָנט אונטער זייער העברעישן נאָמען. בא דער דאָזיקער שטעלע באַמערקט אַגב מ. גרינבוים, וואָס האָט אונטערזוכט די עלטערע האַנטשריפטלעכע רש"י־קאָמענטאַרן, אַז אויך רש"י פלעגט נישט איבערזעצן די נעמען פון די

---

27) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 520.

28) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 43.

29) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 513.

איידל־שטיינער [30] — ווייל, וואַרשיינלעך, איז נישט געוועזן קיין נויטווענדיקייט די דאָזיקע ווערטער איבערצוזעצן אָדער צו דערקלערן.

מיר האָבן דעריבער דאָס רעכט צו משער זיין, אַז די העברעישע ווערטער, מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך נאָך אין 18־טן יאָרהונדערט, וואָס באַצייכענען איידל־שטיינער און אַנדערע אָריענטאַלישע געגנשטאַנדן, מיט וועלכע ס׳האָבן אמאָל הויפּטזאַכלעך געהאַנדלט די יידן [אגוז הבושם (מוסקאט), בשמים, מרגליות, נמתקים, פירות, אדום (רובין), אבן טוב [31], צמוקים, קנמון, תכשיט, עבד־כנעני און שחור־מים (קאַווע) [32] זענען בלויז א יתר הפליטה פון דער גרויסער צאָל העברעישע ווערטער פונם דאָזיקן אַרט, וואָס זענען אַמאָל — אין דער צייט פונם יידישן מזרח־האַנדל — געוועזן אין געברויך באַ די דייטש־רעדנדיקע יידן און זיך איינגעבירגערט אין זייער טאָג־טעגלעכער שפּראַך.

מערקווירדיק זענען אין דעם פּרט די ווערטער עבד־כנעני און מים־שחור. עבד־כנעני (אין אונדזער שפּראַך באַדייט עס שווער־אַרבעטנדיקע — אַרבעטן ווי אַן עבד־כנעני) האָט געקאָנט אריינ-

30) „Juedischdeutsche Chrestomatie" S. 513.

31) דער יידישער שריפטשטעלער א. שטיינמאַן, וואָס האָט אונטערזוכט דאָס לעבן פון די דיאמאַנטן־אַרבעטער אין אַנטווערפּן, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז דער אָפיציעלער פאַרקירצטער נאָמען פון דער דיאמאַנטן־בערזשע אין אַמסטערדאַם איז „אבן־טוב" און אַז אינם האַנדל און דער באַאַרבעטונג פון די בריליאַנטן האָבן זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרבאַהאַלטן אַ רייע העברעישע ווערטער און אויסדריקן.

32) Lector Publicus, Lehrbuch zur gruendlichen Erlernung der Juedisch-deutschen Sprache, Leipzig 1792.

לויט דער מיינונג פון ב. כאָראָכאָוו איז ער אַ משומד און זיין אמתער נאָמען איז זעליג גאָטפריד. ער אונטערשיידט זיך פון אַלע איבעריקע משומדים, וואָס האָבן ביז אים געשריבן וועגן יידיש־דייטש דערמיט, וואָס ער איז באמת אַ גוטער קענער הן פון דער יידישער, הן פון דער העברעישער שפּראַך.

אייניקע ווערטער זענען גענומען פון יידיש־דייטשישן ווערטערבוך, וואָס ווערט געבראַכט באַ אווע לאַלעמאַן Das deutsche Gaunerthum 4 באַנד.

דרינגען אין דער רעד־שפּראַך פון די דייטשישע יידן בלויז אין דער צייט (אָדער באַלד נאָכדעם), ווען עבד־כּנעני, מיט זיין שוצלאָזיקייט און שווערער אַרבעט איז נאָך געווען אַ רעאַלער באַגריף, אַ טאָג־טעגלעכע ערשיינונג אין זייער לעבן, ד. ה. אין דער צייט, ווען די יידן האָבן נאָך געהאַט די יורידישע מעגלעכקייט צו האַנדלען מיט געצנדינערשע קנעכט, וואָס זענען באַצייכנט געוואָרן מיטן דאָזיקן העברעישן נאָמען, — אַלזוי, נאָך אין פריערן מיטל־אַלטער (אַגב נאָך אין פריערן מיטלאַלטער האָבן די יידן באַצייכנט די סלאַוון מיטן נאָמען „כּנען", ווייל זיי פלעגן פאַרקויפן זייערע קינדער פאַר קנעכט).

נאָך מערקווירדיקער איז דאָס וואָרט „מים־שחור" (קאַווע), וואָס באַגעגנט זיך נאָך אין דער יידישער שפּראַך אין 18 יאָרהונדערט. פאַר „קאַווע" האָבן די יידן נישט געפונען קיין אַנטשפּרעכנדיקן אויסדרוק און זיי האָבן געשאַפן אַן אייגן העברעיש וואָרט און דווקא גאַנץ עם־הארצשדיק „מים־שחור" (פאַרגלייך מיטן נישט־ריכטיק געבילדעטן יידיש־העברעישן וואָרט „כּלי־זמר") און דאָס איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז דאָס וואָרט איז זיי נייטיק געווען, כּדי צו פאַרשטענדיקן זיך מיט אַזעלכע אינטערעסאַנטן, וואָס פאַרשטייען נישט קיין דייטש און זענען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט העברעיש — דאָס הייסט, מיט אַנדערש־שפּרעכנדיקע יידישע קהילות.

ווייט נישט צופעליק איז אויך דאָס, וואָס אַ גאַנצע רייע באַגריפן, וואָס געפינען זיך אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט האַנדל, זענען נאָך עד־היום אויסגעדריקט באַ די דייטש־רעדנדיקע יידן אין העברעיש. אַזוי, למשל, איז דער באַגריף „האַנדלען" אויסגעדרוקט אין די העברעיש־אַראַמעישע ווערטער: סוחרן, תגרן,[33] שוקן,[34]

33) תגרן – דאָס וואָרט איז שוין גאַנץ לאַנג אַריין אין דער יידיש־דייטשער שפּראַך, און פון דאַנען איז עס אַריבער אין דער האָלענדי־שער שפּראַך tangerijn זע Winkel bei Paul „Grundrisse der Germanischer Philologie I S. 919

34) שוקן – דאָס וואָרט „שוקן" געפינט זיך אויך אין דער הקדמה

קנינן, מוכרן (אויך אויסקנינען, פאַרקנינען, פאַרמוכרן א. אַז. וו.)*

פאַרן באַגריף געלט זענען ביז דער לעצטער צייט פאַרבאַהאַלטן די לשון-קודשדיקע אויסדריקן: כסף, מעות, ממון, מזומנים, אַגורה, פרוטה, זהוב, שקל, דינר און אַנד. אויך זענען בא אונדז נאָך פאַרבאַהאַלטן געוואָרן העברעישע אויסדריקן פאַר זאַכן, וואָס האָבן אַ נאָענטע שייכות צום מסחר: רוח, שכר, היזק, הפסד, קרן, חוב א. דגל.

דער אַמאָליקער מזרח-האַנדל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער סוחר האָט צוזאַמען מיט זיינע סחורות פּ ע ר ז ע נ ל ע ך גע-מוזט פאָרן פון לאַנד צו לאַנד. אינטערעסאַנט איז דערביי, וואָס דאָס דייטשישע וואָרט „פאַרט" איז אין יידיש-דייטש פאַרביטן גע-וואָרן מיט „נסיעה", און די אַלע איבעריקע געגנשטאַנדן און דער-שיינונגען, וואָס זענען צוזאַמענגעבונדן מיטן וואַנדער-האַנדל, זענען אויך אויסגעדריקט אין העברעישע ווערטער (בעל-עגלה, אַכסניה, אורח, מהלך-רב, מרחק, קרוב, גר, דרך, מדינה, מזרח, מערב, צפון, דרום, ים, יבשה, ווי אויך די נעמען פון די לענדער און פעלקער: צרפת, אַשכנז, גומר, תוגרמה, ישמעאל, כנען, כוש און אַנד.).

דער ביישפּיל מיט צמוקים, כמון, ספיר, ישפה און אַנדערע גיט אונדז דאָס רעכט צו משער זיין, אַז לכל-הפחות אַ טייל פון די דאָזיקע העברעישע האַנדלונגס-אויסדריקן שטאַמען פון דער צייט פונם יידישן מזרח-האַנדל (ערשטע העלפט פון מיטלאַלטער), בעת די דאָזיקע העברעישע האַנדלס-אויסדריקן זענען נייטיק גע-ווען אַלס הילפס-מאַטעריאַל צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די אַנ-דערש-רעדנדיקע יידישע קהילות.

די צירקולאַציע פון ווערטער פון איין שפּראַך אין דער צווייטער איז אַ שטענדיקע און אומאויפהערלעכע דערשיינונג אינם

---

צו דער יידישער איבערזעצונג פון שבט יהודה פון 1648 יאָר. דאָס דאָזיקע וואָרט איז שוין וואַרשיינלעך אַריין אויך אין אייניקע דייטשישע דיאַלעקטן. אזוי, צום ביישפיל, ווערט בא אחע לאַלעמאַן געבראַכט א פאַקט ווען א גלח פרעגט בא א יידן, וואו ער איז געוועזן, — האָט אים דער ייד געענט-פערט, אז ער האט „געשוקט" אין אן אנדער אָרט.

לעבן פון די לשונות, וואָס קומען צווישן זיך אין אַ וואַסער ס׳איז באַרירונג. ס׳טרעפט אַפילו נישט זעלטן, ווען אַ וואָרט, וואָס האָט איבערגעוואַנדערט אין אַ צווייטער שפּראַך און האָט זיך דאָרט פאָנעטיש געענדערט, ווי אויך געענדערט זיין באַדייטונג, קערט זיך אום אין איר אור־שפּראַך אין איר געענדערטער פאָנעטישער פאָרם און באַדייטונג, אַלס אַ ניי פרעמד-וואָרט.[35])

דער עיקר ווערטער, וואָס וואַנדערן פון שפּראַך צו שפּראַך, זענען די נעמען פון די געגנשטאַנדן און באַגריפן, וואָס ווערן אימפּאָרטירט פון פרעמדע לענדער. זיי קומען אין זייער נייער היים צוזאַמען מיט זייער אור־נאָמען. אַזוי, צום ביישפּיל, צוזאַמען מיטן באַשליק, בוא, מאַנטל, פאַטשיילע, קאַקאַאָ, קאַווע, טיי, טעאַלנט, ביפשטעק און טויזנטער אַנדערע — האָבן מיר אויך אי־בערגענומען זייערע אורנעמען, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז איינגע־בירגערט אין אונדזערע שפּראַכן. אַ טייל פון די דאָזיקע פרעמד־ווערטער ווערן מיט דער צייט פאַרביטן אָדער אַמאַלגאַמירט מיט אַנטשפּרעכנדיקע היימישע ווערטער און די איבעריקע ענדערן זיך על כּי רוב פאָנעטיש און נאַציאָנאַליזירן זיך גראַמאַטיקאַליש, כּדי צו קומען אין אַ פאָנעטיש-גראַמאַטיקאַלישן איינקלאַנג מיט דער נייער שפּראַך, וואוהין זיי האָבן איבערגעוואַנדערט[36]).

אָט דער דאָזיקער אַלגעמיינער פּראָצעס פון אַריינעמען און איבעראַנדערשן די אימפּאָרטירטע פרעמד-ווערטער, וואָס ס׳שפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָל אין דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון שפּראַכן, איז פאָרגעקומען אויף פאַרשידענע אופנים בײַ די דייטש־רעדנדיקע יידן און בײַ זייערע דייטשישע שכנים, און אין דעם פּרט איז זיי־ער אַנטוויקלונג געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגן.

---

35) C. Sillat „Parisismen“ Samlung der eigenartigen Ausdruckweisen des Pariser Argot 1884.

ציטירט נאָך מיש-שפּראַכן און שפּראַכמישונגען פון מ. גרינבוים זײַט 16—17.

דאָס וואָרט „פאַנטאַזיע“ און אַנד.

36) Dr. M. Grünbaum, Mischsprachen und Sprachmischungen.

א גאַנצע רייע פרעמד-ווערטער, וואָס זענען אריינגעדרונגען אין דער שפּראַך פון די קריסטלעכע דייטשן, אַלס נעמען פון אימפּאָרטירטע אַרטיקלען, האָבן אין דער שפּראַך פון די דייטש-רעדנדיקע יידן, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, געטראָגן העברעיש-אַראַמעישע נעמען.

אָבער אויך די פרעמד-ווערטער (נישט העברעיש-אַראַמעישע) פון פארשידענע אימפּאָרטירטע אַרטיקלען און באַגריפן, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין דער יידיש-דייטשער שפּראַך צוגלייך מיט דער שפּראַך פון דער קריסטלעכער דייטשישער באַפעלקערונג, — האָבן זיך בא דער יידישער באַפעלקערונג על פי רוב לענגער פאַרהאַלטן און האָבן דורכגעמאַכט אַ באַזונדערע פאָנעטיש-גראַמאַטיקאַלע אַנטוויקלונג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן די יידן אינם 10-טן יאָר-הונדערט געהאַנדלט מיט טיכער, וואָס זיי האָבן אימפּאָרטירט פון איטאַליע, און האָבן צוזאַמען מיטן דאָזיקן געגנשטאַנד אויך אי-בערגענומען זיין איטאַליענישן נאָמען. דער דאָזיקער איטאַליעני-שער אור-נאָמען פונם דאָזיקן איטאַליענישן געגנשטאַנד איז אויך אַריינגעדרונגען אין דער דייטשישער באַפעלקערונג. אָבער בעת בא דער דייטשישער באַפעלקערונג איז דאָס דאָזיקע וואָרט שוין גאַנץ לאַנג, נאָך אין מיטלאַלטער פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנטשפּרעכנד היימיש וואָרט, האָט זיך דאָס דערמאָנטע איטאַליענישע וואָרט אין זיין פאַריידישטער פאָרם פאַרבאַהאַלטן אין דער יידישער שפּראַך ביז היינטיקן טאָג (פאַטשיילע).

פונם איטאַליענישן וואָרט „סאַרגיאַ" — א וואָלענער שטאָף, געמישט מיט זיידן אָדער ליין, מיט וועלכן די יידן האָבן געהאַנ-דלט (ווי מיט אַלע איבעריקע מאַנופאַקטור-סחורות) נאָך אין 10-טן יאָר-הונדערט—האָבן די יידן געבילדעט אַ ניי וואָרט סרגנס (קיטל, תכריכים), בעת דאָס זעלבע וואָרט אין דייטש Sargenes האָט באַדייט ליין און טוך.[37]

אָט דער דאָזיקער פאַרשידנאַרטיקער אַנטוויק-לונג פון די פרעמד-ווערטער (אורנעמען פון אימפּאָרטירטע סחו-

37) Juedischdeutsche Chrestomatie S. 503 u. f.

רות און דגל.), וואָס זענען גלייכצייטיק אַריינגעדרונגען אין דער יידיש־דייטשישער און דער דייטשישער שפּראַך, האָבן מיטגעווירקט פאָלגנדיקע סיבות.

ווי נאָר די יידישע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד (ווי אויך אין אַלע אַנדערע לענדער) זענען איבערגעגאַנגען צום אינטער־נאַציאָנאַלן מזרח־האַנדל, וואָס האָט באַשעפטיקט דעם גרעסטן רוב פון די גערמאַנישע יידן, זענען די יידן פון אַ פאָלק מיט פאַרשידענע קלאַסן פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט אין אַן איינהייטלעכע פּראָפעסיאָנעלע גרופּע, מיט אייגנאַרטיקע ווירטשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, וואָס האָבן נישט געהאַט צו זיך קיין צג ׳שפּ־עכנדיקס אין דער אַרומיקער קריסטלעכער סביבה.

אין דער צייט פונם יידישן מזרח־האַנדל, אין דער ערשטער העלפט פון מיטל־אַלטער, האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיין יורידישע געטאָ און די יידן האָבן געהאַט די יורידישע מעגלעכקייט צו וואוינען אין די קריסטלעכע טיילן פון די שטעט. אויך די רעליגיעזע העצע פון די גייסטלעכע קעגן די יידן האָט צו יענער צייט נאָך געהאַט זייער ווייניק ערפאָלג בײַ דער ברייטער קריסטלעכער מאַסע, ווי אויך בײַ די העכערע קלאַסן. דער קלערוס אַליין האָט אין זיין ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן זיך ווייניק גערע נ ז מיט די באַשלוסן פונם קלויסטער און זיך נישט צוריק־געצויגן פון ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן פאַרקער מיט די יידישע שכנים. און דאָך האָבן די יידן שוין צו יענער צייט געבילדעט אַ זעלבשטענדיקע אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפטלעכע און קולטו־רעלע גרופּע, וואָס איז געוועזן אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון זייער ווירטשאַפטלעכער באַזונדערקייט און אייגנאַרטיקע לאַגע, וואָס די יידן האָבן אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער פאַרנומען אין דייטשלאַנד. אַפילו אַן אויבערפלעכלעכער בליק אויף דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט אינעם פריערן מיטלאַלטער קאָן אונדז איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער מיינונג. פון איין זייט דער פּאָליטיש־הערשנדיקער פעאָ־דאַל און זיינע פּאָליטישע העלפער (פאַרשידענע ראַנגען פון אַדע־

ליגע און פרייע) מיט מנהגים און געוואוינהייטן, וואָס אַנטשפּרעכן זיין הערשנדיקער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט און זיינע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן מיט דער אומגעהייער גרויסער צאָל אומפרייע אַרבעט, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין רשות, פון דער צווייטער זייט דאָס אומפרייע פויערטום, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער נידעריקסטער מדרגה פון קולטורעלער אַנטוויקלונג מיט מנהגים און געוואוינהייטן, וואָס אַנטשפּרעכן זיין נידעריקער געזעלשאַפטלעכער לאַגע.

מיט די דאָזיקע ביידע קלאַסן האָט דער יידישער סוחר געמוזט געשעפטלעך פאַרקערן, די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען האָבן צו מאָל אויך געבראַכט אויך צו אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרקער (פאַרשטייט זיך בלויז מיט די העכערע קלאַסן). ס׳איז אָבער לחלוטין אויסגעשלאָסן געווען די מעגלעכקייט פון אַ געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער צוזאַמענגיסונג פון די יידן מיט אַ וואָסער נישט איז קלאַס פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אלס אַ באַזונדערער עקאָנאָמישער קלאַס, האָבן די יידן אויסגעאַרבעט זייערע אייגענע מנהגים, לעבנס־שטייגער און געוואוינהייטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גלייכן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אָן אַ יורידישן צוואַנג איז אין גאָר פריערן מיטלאַלטער אויפן נאַטירלעכסטן אופן אויסגעוואַקסן אַן אָפּגעזונדערטע קולטורעל און געזעלשאַפטלעך אָפּגעשלאָסענע יידישע געמיינשאַפט — אַ יידישע פרייוויליקע געטאָ, וואָס האָט אַנטשפּראָכן די קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע באַדערפענישן פון די יידן.

די דאָזיקע יידישע אָפּגעשלאָסנקייט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דעם רעליגיעזן חילוק צווישן די יידישע סוחרים און איבעריקער דייטשישער באַפעלקערונג.

ס׳איז דעריבער קיין חידוש נישט. וואָס אין דער דאָזיקער אָפּגעשלאָסענער קולטורעלער (אַלזוי אין אַ געוויסער מאָס אויך שפּראַכלעכער) סביבה האָבן די פרעמד־ווערטער דורכגעמאַכט על

פי רוב אַ גאַנץ אַנדערע פאָנעטישע, גראַמאַטיקאַלישע און באַדײַטונגס־אַנטוויקלונג, ווי אין דער קריסטלעכער סביבה.

ס'איז נאָך געווען אַ צווייטע סיבה: דער יידישער סוחר, וואָס איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער דער הויפּט־אימפּאָרטירער פון אויסלענדישע סחורות אין גערמאַניע, איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען דער הויפּט־אימפּאָרטירער פון די פרעמד־ווערטער, וואָס האָבן געבילדעט די נעמען פון די אויסלענדישע סחורות אין דער דייטשישער שפּראַך. ער — דער יידישער סוחר — האָט זיך אויף זיינע אומענדלעכע און כסדרדיקע האַנדלס־נסיעות געפונען אונטער דער דירעקטער השפעה פון דעם אורשפּרינגלעכן קלאַנג, גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און באַדייטונג פון די אימפּאָרטירטע פרעמד־ווערטער, בעת די דייטשישע באַפעלקערונג האָט אויף זיך די דערמאָנטע השפעה נישט געפילט. דערייבער טאַקע האָט דער פאָנעטישער און גראַמאַטיקאַלישער נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס פון די אַריינגעבראַכטע פרעמד־ווערטער, ווי אויך דאָס אָפּווייכן און ענדערונג פון זייער באַדייטונג באַ דער דייטשישער באַפעלקערונג געקאָנט פאָרקומען אַ סך געשווינדער, ווי באַ דער יידישער באַפעלקערונג, וועמעס אויער ס'האָט נישט אויפגעהערט צו הערן אויף די איבערגעחזרטע נסיעות דעם אורשפּרינגלעכן ריינעם קלאַנג, די גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און באַדייטונג פון די אָנגענומענע פרעמד־ווערטער. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אומבאַדינגט געמוזט ברענגען דערצו, אַז די דערמאָנטע פרעמד־ווערטער זאָלן זיך אין דער יידישדייטשער שפּראַך פאַרבאַהאַלטן אַ סך לענגער און אין אַמער אורשפּרינגלעכער פאָרם און באַדייטונג, ווי אין דער דייטשער שפּראַך.

דער יידישער מזרח־האַנדל האָט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון יידיש־דייטש אויך אויף אַן אַנדער שטייגער.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז דער רעליגיעזער צוזאַמענהאַנג צווישן די יידישע קהילות פון גאָר דער וועלט איז געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן אָריענטאַלישן האַנדל, ווייל די יידישע קהי־

לות זענען געווען פאַר אים נאַטירלעכע שוך - און הילפס־פונקטן. כדי אויפן געהעריקסטן אופן אויסצונוצן די יידישע קהילות פאַר די אינטערעסן פון האנדל, האָט דער אָריענטאַלישער סוחר נישט בלויז געדאַרפט קענען זיך באַנוצן מיט דער ביבל - און תלמוד־שפּראַך אום צוזאַמענצורעדן זיך מיט די אַנדערש־רעדנדיקע יידישע קהילות, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט זיין, ווי געהעריק, באַקאַנט מיט דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור, ווייל וואָס מער למדן ער איז געווען, אלץ גרעסער האָט געדאַרפט זיין די גאַסט־פריינט־לעכקייט און קבלת־פנים אויף וועלכער ער האָט געקאָנט האָפן מצד די פרעמדע אַנדערש־רעדנדיקע יידישע קהילות. **דאָס תּורה־לערנען האָט דעריבער צו יענער צייט באַקומען אַ רעאַלן סוחרישן ווערט**, און מ׳קאָן מיט זיכערהייט באַהויפטן, אַז דאָס ווערטל „תורה איז די בעסטע סחורה", האָט קיינמאָל נישט אַזוי אַנטשפּראָכן דער ווירקלעכקייט, ווי גראָד אין יענע אַלטע צייטן פונם יידישן מזרח־האַנדל.

דאָס איבערגיין צום וועלט־האַנדל האָט פאַרשטאַרקט באַ די יידן אין גערמאַניע דעם אינטערעס צום תורה־לערנען, און די בוכשטעבלעך־טרייע איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידיש־דייטשער שפּראַך אַ גאַנצע רייע דייטשישע אויסדריקן, וואָס זענען אַ נאָכבילדונג נאָך דער העברעאישער פאָרם און האָבן דעריבער לחלוטין געפעלט און אומפאַר־שטענדלעך געווען דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, נישט־געקוקט אויף זייער עכט־דייטשישן קלאַנג און פאָרם (צום ביישפּיל, מאָרגענ־גאָב — מוהר, קעריך — סורר, אובלען — הרע, — אָנשטאָט דעם מיטלהאָכדייטשישן אובל טון, פרונד — משכימר, געדומעלט—טפחה, מיר געפאָרדערט — קדמוני א. דגל.). אויף אַזאַ אופן האָט אַריינ־געשטראָמט אין דער יידיש־דייטשישער שפּראַך אַ צאָלרייכע מאַסע, ספּעציעל פון די יידן געשאַפענע ווערטער און אויסדריקן, אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן באַ דער טרייסטער בוכשטעבלע־כער איבערזעצונג פון די הייליקע שריפטן און איבערגעטראָגן אין זייער דייטשישער שפּראַך די ספּעציפישע העברעישע אויסדריקן און

פאָרמען, פארשטאַרקערנדיק דערמיט אומבאַוואוסטזיניק דאָס אָפּווייכן פון יידיש-דייטש פון איר אורשפּרינגלעכן דייטשישן שורש.[38]

## III.

## די ווירקונג פון דער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער אויטאָנאָמיע אויף דער אַנטוויקלונג פון יידיש.

מיט דער גרינדונג פון די גערמאַנישע מלוכות אויפן געוועזענעם רוימישן באָדן איז אינם לעבן פון די יידן, די געוועזענע „רוימישע בירגער", ווי אויך די ניי-צוגעוואַנדערטע, אַנטשטאַנען אַ נייער פאַקטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער קולטורעלער און באַזונדערס שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן אין די דערמאָנטע באַרבאַרישע לענדער.

די גערמאַנישע מלוכות, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אויפן רוימישן באָדן, זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע שטאַמען און רעליגיעזע גרופּירונגען און אָנשויונגען. זייער רעכטס-באַוואוסטזיין, זייערע מנהגים, זיטן א. דגל. זענען דעריבער געווען אויך זייער פאַרשידן.

כדי מעגלעך צו מאַכן דאָס צוזאַמענלעבן פון אָט די דאָזיקע פאַרשידענע שטאַמען און אמונות, האָט זיך בײַ די באַרבאַרן אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער מאָדוס-וויווענדי, אַ פּרינציפּ, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „פּערזענלעכקייט דעס רעכטס". לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָט יעדער שבט, יעדע רעליגיעזע גרופּע באַקומען אַ ברייטע יוריסדיקציע איבער זייערע מיטגלידער און יעדער איינער האָט זיך געמשפּט לויטן רעליגיעזן אָדער מאָראַלישן קאָדעקס אָדער געוואוינהייטס-רעכט פון זיין שבט אָדער רעליגיעזער גרופּע.

ווי אַלע מאָל און אומעטום איז, פאַרשטייט זיך, אויך דאָ די ברייט און גרייס פון דער אויטאָנאָמיע פון יעדן שבט אָדער

---

38) די תערמער זענען גענומען פון דער האַנטשריפטלעכער איבערזעצונג פון די 12 קליינע נביאים, וואָס איז געבראַכט בײַ גרינבוימען אין זיין יודיש-דייטשער כרעסטאָמאַטיע.

רעליגיעזער גרופּע געווען אָפּהענגיק פון זיין פּאַקטישער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און מיליטערישער מאַכט, ווי אויך פון זיין צאָל. שטאַרקערע שבטים און רעליגיעזע גרופּעס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו שיצן זייער יוריסדיקציע, דאָס רעכט פון זייערע מיטגלידער צו משפּטן זיך לויטן אייגענעם רעליגיעזן און מאָראַלישן קאָדעקס, אַפילו אויף די ווייטסטע ים-נסיעות און צוליב דעם האָבן די דאָזיקע גרעסערע און מעכטיקע שבטים געהאַט אויף די גרעסערע האַנדלס-שיפן, אויף וועלכע ס'פלעגן פאָרן זייערע שטאַם- אָדער רעליגיע-אָנגעהעריקע, זייערע אייגענע ריכטער.

אָבער אויך די רעליגיעזע אויטאָנאָמיע און יוריסדיקציע פון די קלענערע שטאַמען און רעליגיעזע גרופּן איז געווען גאַנץ באַדייטנד.

יעדע פון די מעכטיקערע שטאַמען אָדער רעליגיעזע גרופּעס, וואָס האָבן צווישן זיך קאָנקורירט, איז עקאָנאָמיש און פּאָליטיש געווען פאַרינטערעסירט, אַז דער צווייטער צד זאָל זיך נישט פאַרשטאַרקן דורך דער פּאָליטישער און רעליגיעזער אונטערדריקונג פון זיינע שוואַכערע שכנים. און די מעכטיקערע שבטים האָבן דערפאַר געמוזט פאַרטיידיקן די אויטאָנאָמע רעליגיעזע און יוריסדיקציאָנעלע רעכט פון די קלענערע און שוואַכערע שבטים און רעליגיעזע גרופּעס.

ס'איז דעריבער קיין גרונט נישט געווען אָפּצוזאָגן אין דער דאָזיקער רעליגיעזער און יוריסדיקציאָנעלער אויטאָנאָמיע אויך דער יידישער קהילה, וואָס האָט זיך אין אַלע פּרטים שטאַרק אונטערשיידט פון די באַרבאַרישע שכנים הן רעליגיעז, הן אין זין פון רעכטס-באַוואוסטזיין. דאָס איז אויך אוממעגלעך געווען צו טון, ווייל דאָס וואָלט ווידערגעשפּראָכן דעם אָנגענומענעם אַלגעמיין-רעכטלעכן פּרינציפּ פון די צווישנפעלקערישע און צווישנרעליגיעזע באַציונגען, אויף וועלכן ס'איז געבויט געווען דאָס צוזאַמענלעבן פון די רעליגיע- און שטאַם-פאַרשידענע עלעמענטן אין די ניי-געגרינדעטע גערמאַנישע מלוכות. דאָס וואָלט אויך אוממעגלעך געווען צוליב דעם, ווייל דאָס וואָלט געפירט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון

איין גרופּע גערמאַנישע שבטים און קעגן דעם וואָלט אַמשאַרפסטן געמוזט אַרויסטרעטן דער צווייטער צד.

פון דאַנען מאַכט מען די ריכטיקע אויספי-רונג, אַז אויך די יידישע קהילות האָבן צו יענער צייט, שוין אין אָנהייב פון מיטלאַלטער געהאַט אין די גערמאַנישע מלוכות אַ ברייטע רעליגיעזע און יורידיקציאָנעלע אויטאָנאָמיע. [39]

אין דעם פּרט האָט די הערשאַפט פון די באַרבאַרן, וואָס איז אין אַלגעמיין געווען ווייניקער גינסטיק פאַר די יידישע מאַסן, ווי דאָס אַרויסגעשטופּטע און באַזיגטע רוימישע און רעכט האָט פאַר זיי אין מערסטן טייל געמאַכט אוממעגלעך דעם ערד-באַזיץ און אין אַנדערע ערטער זיי בכלל פאַרוואַנדלט אין בירגער אָן פּאָליטישע רעכט, — דאָך געבראַכט אַ געוויסע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע פאַרבע-סערונג אין דער לאַגע פון די יידישע מאַסן, אין פאַרגלייך מיט זייער לאַגע אין דער רוימישער אימפּעריע.

דאָרט אין דער רוימישער אימפּעריע זענען יידן געווען שטאַרק באַגרענעצט אין זייערע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע רעכט, און אַפילו אין די בעסטע צייטן האָבן זיי פאַרמאָגט אַן אייגענע געריכטסבאַרקייט בלויז אין רעליגיעזע פראַגן, פאַר דיני ממונות אָבער בלויז אין דעם פאַל ווען ביידע פּראָצעסירנדע צדדים האָבן מס-כים געווען זיך צווּווענדן צום יידישן גע-ריכט. [40] אין אַלע איבעריקע פאַלן, ווי אויך אין קרימינעלע ענינים, קאָנען די יידן אָנקלאָגן, ווי אַיך געמשפּט ווערן לויטן אַל-געמיינעם מלוכה-קאָדעקס.

ערשט דאָ אין די באַרבאַרישע לענדער איז געבוירן געוואָרן די יידישע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. אַפילו דאָרט וואו אין אַלגעמיין האָבן די באַרבאַרן בנוגע יידן פאַרבאַהאַלטן אַלע כּרי-ערדיקע רוימישע געזעצן און אין אַלגעמיינעם רעכטלעכן זין נישט

39) Stobe Ot. „Die Jueden in Deutschland waehrend des Mittelalters“ Braunschweig 1865 S. 142.

Hoeniger S. 89.

40) E. Shuerer „Gemeindeverfassung der Juden in Rom“ S. 12.

געענדערט זייער לאַגע, האָבן זיי דאָך פאַרגרעסערט זיי יו־ריסדיקציע פון די יידישע קהילות. אזוי, צום ביישפיל, האָט דער אָסטגאָטישער קעניג טעאָדעריך, פאַרבאַהאַלטנדיק בנוגע די יידן אַלע פריערדיקע רוימישע געזעצן, דאָך פאַרגרעסערט די געריכטס־באַרקייט פון די יידישע קהילות און אַלע דיני־ממונות און קרימינעלע פּראָצעסן צווישן יידן האָבן געדאַרפט פאָרקומען פאַרן יידישן געריכט און לויטן יידישן דין.[41]) און כאָטש די דאָזיקע פאַר־אָרדנונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די אָסטגאָטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין איטאַליע, דאָך קאָן זי דינען אַלס אַן אַלגעמיינער באַווייז, ווי אַזוי די באַרבאַרן האָבן זיך על פּי רוב באַצויגן צו די יידישע מינדערהייטן, ווייל, ווי ס׳איז צו זען פון טעאָדעריכס אַלגע־מיינער טעטיקייט, דרינגט די דערמאָנטע פאַראָרדנונג נישט אַרויס פון זיין יידנפריינטלעכקייט און ליבע, נאָר פון דער סאָציאַלער נייטיקייט. טעאָדעריך, נישט־געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן בײַ דער מיינונג, אַז די מלוכה קאָן מיט געוואַלט נישט אָנבינדן קיין אמונה אירע בירגער און האָט דעריבער געפונען פאַר נייטיק צו פירן אַ ליבעראַלע פּאָליטיק בנוגע צו די אַנדערש־גלייבנדיקע, האָט דאָך פאַרבאַהאַלטן אַלע רעליגיעזע באַגרענצונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַר די יידן פון די רוימער־צייטן, ווי אויך אַ סך אַנדערע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע באַגרענצונגען.

פון דאַנען איז מיט זיכערקייט צו דרינגען, אַז די פאַרברײַ־טערונג פון דער יידישער יוריסדיקציע איז געוועזן נישט קיין אקט פון פריינטלעכקייט, נאָר אַ לאָגישער פּועל־יוצא פון די דעמאָל־טיקע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן, וואָס זענען מער אָדער ווייניקער געווען אַלגעמיין פאַרן גרעסטן טייל פון די באַר־באַרישע פּראָווינצן און מלוכות.

די דאָזיקע ברייטע יוריסדיקציע האָט אָבער געקאָנט געגעבן ווערן בלויז די פרייע יידישע בירגער. די יידישע קנעכט און אומ־

---

41) Caro G. Sozial und Wirtschaftsleben der Juden" Bd. I S. 60.

פרייע ערד-אַרבעטער האָבן זיך, לויט די אַלגעמיינע רעכטלעכע באַגריפן, געדאַרפט געכוּנען אונטערן אבסאָלוטן רשות פון זייערע בעלי-בתּים.

דער פּרינציפּ פון דער יידישער יוריסדיקציאָנעלער אויטאָנאָמיע האָט דעריבער געקאָנט קומען צום אויסדרוק הויפּטזאַכלעך אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט די יידישע, מער אָדער ווייניקער קאָנצענטרירטע קהילות מיט פרייע מיטגלידער, דאָס הייסט נאָך דעם, ווי די יידן זענען שוין איבערגעגאַנגען צום מזרח-האַנדל, — וואָס איז אין די גערמאַנישע געגנטן פאָרגעקומען נישט פריער פונם 7-טן יאָרהונדערט (אַ חוץ אין די ערטער מיט אַ מאַסנהאַפטער יידישער ערד-אַרבעטער-באַפעלקערונג און יידישע ערד-באַזיצער, אויב אַזעלכע זענען געווען).

דער פאַקט, וואָס די יידן האבן באַקומען אַ ברייטע יוריסדיקציע און זייער גאַנץ געזעלשאַפטלעך און רעליגיעז לעבן איז רעגולירט געוואָרן דורכן יידישן רעליגיעזן און קרימינעלן קאָדעקס, האט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויף זייער שפּראַך. די אַלע יורידישע באַגריפן, וואָס האבן באַהערשט זייער געזעלשאַפטלעך לעבן, זענען גענומען געוואָרן פונם יידישן קאָדעקס — תּלמוד וכדומה — און ס'איז קלאָר, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי האט אויך פאַרבאַהאַלטן זיין אורשפרינגלעכע העברעיש-אַראַמעאישע פאָרם, בפרט נאָך, אז אַ סך פון די דאָזיקע באַגריפן האָבן נישט געהאַט קיין אנטשפּרעכנדע צו זיך אין די מאָראַלע און קרימינעלע קאָדעקסן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אויף אַזאַ אופן, איז די יידישע רעליגיעזע געריכטסבאַרע אויטאָנאָמיע נאָך אין אָנהייב פון מיטלאַלטער געוואָרן איינע פון די הויפּט-פאַקטאָרן אין דעם פּראצעס, ווי אַזוי די יידישע שפּראַך האָט זיך סעפּאַרירט פון דער אַרומיקער שכנישער שפּראַך. אַ דאַנק איר האבן געמוזט אין דער שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן אַריינדרינגען אַ גאַנצע רייע יורידישע באַגריפן אין אַ העברעיש-אַראַמעישער שפּראַכלעכער פאָרם, ווי, צום ביישפּיל, שטר, היתּר

עיסקא, דיני־ממונות, הפקר, קנס, שטר־חוב, בית־דין און פיל אַנ־ דערע.

אַ דאַנק דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, וואס די יידן אין די דייטשישע לענדער האָבן כמעט מאָנאָפּאָליזירט, אָנהייבנדיק פונם סוף 7 יאָרהונדערט, איז געוואָרן זייער גרויס זייער ראָלע באַ דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון די דייטשישע שטעט. יעדער קע־ ניג אָדער פירשט, וואס האט געוואלט אַנטוויקלען דעם האַנדל אין זיין געגנט, איז געצוואונגען געווען זיך צו ווענדן צו די יידן, אַלס דעם איינציקסטן טרעגער פונם האַנדל—דער הויפּטפאַקטאָר פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג צו יענער צייט. אויב ס'איז ערלויבט זיך אַזוי אויסצודריקן, וואלט איך געזאָגט, אַז אַ דאַנק דער גרוי־ סער נאָכפראַגע אויף יידישע סוחרים, האָבן די יידן באַקוי־ מען אַ באַזונדער גרויסן ווערט אין דייטשלאַנד און פאַרנומען אַ פּריווילעגירטע שטעלע אין דער דייטשישער געזעלשאַפט.

אויב אין אָנפאַנג פון מיטלאַלטער האָבן די יידן באַקומען אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, האָבן זיי דערנאָך שטאַרק פאַר־ ברייטערט די דאָזיקע אויטאָנאָמיע אַ דאַנק זייער עקאָנאָמישער קראַפט, וואס האט געצוואונגען די מאַכט־האָבער אום יעדן פּרייז, דורך ברייטע און גינסטיקע פּריווילעגיעס צוציען אין זייערע שטעט די יידישע סוחרים. אין איניקע ערטער האָבן אפילו די יידישע קהילות באַקומען דאָס רעכט צו משפטן לויט אייגענעם קרימינעלן און מאָראַלישן קאָדעקס, נישט בלויז אין פּראָצעסן צווישן יידן (ווען ביידע צדדים זענען געווען יידן), נאָר אויך קעגן יידן, ד. ה. אין אַלע פאַלן, ווען דער אָנגע־ קלאָגטער צד איז געווען אַ ייד. אַזוי, למשל, לויטעט די פּרי־ ווילעגיע, וואָס די יידישע קהילה פון שפּייער האָט באַקומען פונם בישאָף רידיגער אין 1090 יאָר: „ווי דער שולטהייס (בירגערמייסטער) צווישן די בירגער, אַזוי זאָל זייער (דער יידישער) געמיינדע־פאַר־ שטייער אַלע פּראָצעסן צווישן זיי און קעגן זיי אַנטשיידן".[42]

---

42) Aranius Jul. „Regesten zur Geschichte der Juden' № № 168 u. 171 (Jahr 1084 u. 1090).

און מעג דער אָנקלאָגער זיין ד׳ער מאַכטהאָבנסטער מענטש אין דער געגעבענער טעריטאָריע, מעג ער פאַרנעמען איינע פון די העכסטע געזעלשאַפטלעכע אָדער מלוכהשע שטעלעס, אויב נאָר דער צווייטער צד איז געווען אַ ייד, האָט ער געמוזט קומען אין יידישן בית-דין, זיך שטעלן פאַר יידישע געמיינדע-פאָרשטייער און צונעמען דעם פסק-דין לויטן יידישן קאָדעקס.

אַזאַ ברייטע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אווטאָנאָמיע האָבן די יידן, אַ חוץ דעם דערמאָנטן פעריאָד, נישט געהאַט אין משך פון זייער גאַנצער גלות-געשיכטע. דאָס יידישע רעכט, דער תּלמוד און פּוסקים, איז נישט נאָר געוואָרן דער איינציקער הערשנדער יורידישער רעגולאַרט פונם יידישן סאָציאַלן לעבן, נאָר איז אויך געוואָרן אין אייניקע ערטער אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אינם סאָציאַל-ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ס׳קאָן דעריבער קיין ספק נישט זיין, אַז באַ אַזאַ *גלייכבאַרעכטיקער לאַגע פונם יידישן מאָראַלן און ציוויל-קרימינעלן קאָדעקס* מיטן אַלגעמיינעם-מלוכה אָדער טעריטאָריע-קאָדעקס בנוגע פּראָצעסן מיט נאַציאָנאַל-אָדער רעליגיעז-געמישטע צדדים און *אַבסאָלוטער* העגעמאָניע פונם יידישן קאָדעקס אין פּראָצעסן צווישן יידן, האָט זיך דער שטראָם פון העברעיש-אַראַמעישע-יורידישע באַגריפן און אויסדריקן אין דער שפּראַך פון די דייטשישע יידן געמוזט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשטאַרקן, באַזונדערס אין סוף פון דער ערשטער העלפט מיטלאַלטער.[43]

דער יידישער מזרח-האַנדל און די נאַציאָנאַל-רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך באַזונדערס פאַרברייטערט אין 11 יאָר-

---

43) ס׳וואָלט זייער וויכטיק געווען, אַז אונדזערע לינגוויסטן זאָלן אויף זיך נעמען די מי אונטערצוזוכן, צי זענען אריינגעדרונגען אין דער אלטדייטשישער און מיטלהויכדייטשישער שפּראַך פון אייניקע געגנטן, באַזונדערס דאָרט, וואו ס׳האָט געלעבט א מאַסנהאַפטע יידישע באַפעלקערונג, וואָסער נישט איז יידישע (העברעיש-אראַמעישע) יורידישע באַ-

הונדערט, זענען געווען די צוויי נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן פון דער שפּראַך פון די דייטשישע יידן. אַ דאַנק דעם זענען אַריינ־געפלאָסן אין דער יידיש־דייטשישער שפּראַך זייער פיל העברעישע ווערטער — יורידישע באַגריפן און נעמען פון געגנשטאַנדן, מיט וועלכע די יידן האָבן געהאַנדלט צו יענער צייט; פרעמדווערטער, וואס די יידישע סוחרים האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון זייערע ווייטע האַנדלס־נסיעות; אויך פרעמדווערטער, אַלס אורנעמען פון סחורות, וואס זיי האבן אימפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד, און וואס האבן זיך באַ זיי פאַרבאַהאַלטן אַ סך לענגער, אַלס באַ דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג.

דאָך אָבער איז די לאַגע פון די יידן צו יענער צייט אין ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער — געווען אַזוי, אַז אַ פולקאָמע שפּראַכלעכע אָפּטיילונג פון דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקע־רונג, ווי עס איז פאָרגעקומען אין די שפּעטערע צייטן, איז אומ־מעגלעך געווען.

אמת, אַ דאַנק דעם, וואָס די יידן האָבן אינם פריערן מיטל־אַלטער אין דייטשלאַנד געבילדעט א באַזונדערן ווירטשאַפטלעכן קלאַס, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט קולטורעל און געזעלשאַפטלעך צוזאַמענגיסן מיט קיין איינציקן קלאַס, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער דייטשישער געזעלשאַפט און זיי האָבן אויפן נאַטירלעכן אופן געמוזט שאַפן אַן אייגענע אָפּגעזונדערטע געזעלשאַפטלעכע און קול־טורעלע סביבה מיט באַזונדערע מנהגים, זיטן, קולטורעלע און אַנ־דערע געוואוינהייטן. דאָך אָבער האָט די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט צו יענער צייט (אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער) נישט געקאָנט קומען צו איר פולן אויסדרוק.

---

גריפן, ווי עס זענען אריינגעדרונגען יידישע האנדלס־באגריפן און אויסדריקן: סחרן, שוקן, תגרן און דאָסגלייכן, אָדער צמוקים (אין איטאליע). ס'איז אומגלייבלעך, אז, צום ביישפיל, אין דער געגנט פון שפייער, וואו די קריסטלעכע באפעלקערונג איז אין א גרויסער מאָס גע־ווען אונטערגעוואָרפן דער יידישער יוריסדיקציע — אין זייערע פראָצעסן מיט יידן אלס אָנגעקלאָגטע, זאָל די קריסטלעכע באפעלקערונג נישט אי־בערנעמען בא די יידן יורידישע אויסדריקן און באגריפן.

נישט-געקוקט, וואָס צוליב זייערע אייגענע ווירטשאַפטלעכע, קולטורעלע און רעליגיעזע אינטערעסן האָבן די יידן שוין אינם פריערן מיטלאַלטער זיך באַזעצט אין באַזונדערע גאַסן און שטאָט-פערטלען און אָפט אַפילו ארומגערינגלט די דאָזיקע יידן-פערטלען מיט אַ מויער — אַזוי, צום ביישפּיל, איז אויך געווען אין שפּייער, לויט דער פּריווילעגיע פון 1090 יאָר — דאָך האָבן אויך אייניקע יידן געלעבט אין די נישט-יידישע גאַסן[44] און פאַרקערט, אין די יידישע גאַסן און שטאָט-פערטלען האָבן זיך אויך געפינען קריסטלעכע שכנים. די יידן האָבן געהאַט אַן אָפטן און אינטימען פאַרקער מיט זייערע קריסטלעכע שכנים, פלעגן גיין איינער צום צווייטן צו גאַסט און דגל.[45] אויך אינם געשלעכטלעכן לעבן זענען די יידן צו יענער צייט נישט געווען אַזוי ריין און אָפּגעטיילט, ווי עס איז אָנגענומען צו מיינען. אויב, צום ביישפּיל, אין אָנהייב 7 יאָרהונדערט האָט דער טאָלעדער קאָנציל (קלויסטער-צוזאַמענפאָר) באַשלאָסן צו פאַרבאָטן די יידן נעמען קריסטלעכע ווייבער אָדער קעפּס-ווייבער (באַשלאָפערינס) און אַז די קינדער, וואָס קריסטלעכע פרויען וועלן געבוירן פון יידן, זאָלן געטויפט ווערן,[46] האָט ער פאַר זיך זי-כער געהאַט אַ לעבנס-פאַקט, וואָס איז געווען נישט קיין אויסנאַם, נאָר אַ מער אָדער ווייניקער פאַרשפּרייטע ערשיינונג.

אַנדערש האָט עס אויך נישט געקאָנט זיין. די יידן צו יע-נער צייט האָבן נאָך נישט געהאַט אין דער אָרטיקער באַפעלקע-רונג קיין ווירטשאַפטלעכע קאָנקורענטן, וואָס זאָלן זיין עקאָנאָמיש

---

44) ש"ובת ראבן – געלעבט ביז 1150 – זי אויך

Stobe S. 95 u. f.

Kriegk „Frankfurter Zwisten und Zustaende" S. 441.

Kracauer „Die politische geschichte des Frankfurter juden S. 5.

Hoeniger S. 102.

45) Caro G. Bd. I S. 85 u. 96.

Berliner A. „Aus dem Inneren Leben der Juden im Mittelalter".

46) Caro G. Bd. I S. 71.

פאַרינטערעסירט אין דער יידן־העצע און יידן-איזאָלאַציע. פון דער צווייטער זייט איז דער ייד געווען אַ נייטיקער ווירטשאַפטלעכער עלעמענט פאַר אלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אויב דעם רייכן שטאַנד האָט דער יידישער סוחר געבראַכט פון די ווייטע מקומות לוקסוס־אַרטיקלען, אָן וועלכע די העכערע קלאַסן האָבן נישט געקאָנט אויסקומען, האָבן אָבער די פאָלקס־מאַסן זייער אַ סאַך גענאָסן פון יידישן סוחר: זאַלץ, פעפער, אייזערנע און אָפט ליימענע כלים און אַנדערע זאַכן, וואָס די אָרטיקע באַפעלקערונג איז נישט אימשטאַנד געווען מיט אייגענע כוחות צו פּראָדוצירן צוליב די קלימאַט - און באָדן־באַדינגונגען אָדער צוליב אַנדערע סיבות, — האָט ער באַקומען דורכן יידישן וועלט־סוחר און דאָס אָנקומען פון יידישן סוחר און דאָס פונאַנדערלייגן די סחורה נעבן פריצס הויף איז געווען אַן אמתער יום־טוב פאַר דער גאַנ־צער ארומיקער באַפעלקערונג.

באַ אַזעלכע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען איז גאַנץ פאַר־שטענדלעך, אַז ס'האָבן געמוזט געשאַפן ווערן פריינטלעכע באַציונ־גען צווישן די יידן און דער נישט-יידישער באַפעלקערונג. און אפילו די קלויסטער-העצע, וואס איז פּאָליטיש געווען פאַרינטע-רעסירט אינם אויסראָטן די אַנדערש-גלויביקע — באַזונדערס די יידישע אמונה, וואס באַזירט זיך אויף דער ביבל, און איז קאַנאָני־זירט פונם קריסטנטום — איז נישט אימשטאַנד געווען צו שטערן די דאָזיקע פריינטלעכע באַציונגען צווישןביידע פאַרשיידנגלויביקע טיילן פון דער באַפעלקערונג (אגב האט אויך דער קלויסטער זעלבסט זייער ווייניק געהיטן די באַשלוסן וועגן דער יידישער איזאָלאַציע, און זיי פלעגן זייער גאַסטפריינטלעך באַגעגענען דעם יידישן סוחר, וואס האט זיי געבראַכט די פיל געוואונשטע מזרח־ספּעציען).

דער דאָזיקער פריינטלעכער פאַרקער צווישן די יידן און נישט-יידן אינם פריערן מיטלאַלטער האָט פון זיין זייט אָפּגעשוואַכט די נאַציאָנאַליזירנדע ווירקונג פון דעם מזרח-האַנדל און נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אויטאָנאָמיע, אויף דער שפּראַך פון די גערמאַנישע יידן און האָט נישט דערלאָזט צום פולן אויסדרוק דעם פּראָצעס פון שפּראַכלעכער סעפּאַרירונג פון די יידן אין דייטשלאַנד.

# IV.

# די היסטאָריש-סאָציאָלאָגישע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער.

אינם 11—12 יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שינוי אין דער ווירטשאַפטלעכער און יורידישער לאַגע פון די יידן אין איי-ראָפּע. די גערמאַנישע שבטים זענען שוין צו יענער צייט רייף געוואָרן צו דערפילן די ווירטשאַפטלעכע פונקציעס, וואָס זענען ביז אַהער דערפילט געוואָרן פון פרעמדע (יידן). בּאַ די גערמאַ-נישע שבטים האָט זיך שוין צו יענער צייט אָנגעזאַמלט גענוג מאָבּילע קאַפּיטאַלן, ווי אויך די נייטיקע דערפאַרונג, כּדי איבּער-צוגיין צום אינטערנאַציאָנאַלן מסחר און פּטור צו ווערן פון די פרעמדע האַנדל-אַג ט ופסים.[47] דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די אידעע פון די רוימישע פּויפּסטן צו בּאַפרייען דאָס הייליקע קבר פון די נישט-גלויבּיקע, האָט גראָד אין דער צווייטער העלפט פון מיטל-אַלטער געפונען אַזאַ הייסן אָפּקלאַנג אין דער קריסטלעכער געזעל-שאַפט פון אייראָפּע. דורך די קרייצצוגן האָבּן די דייטשן בּאַקומען די מעגלעכקייט אַליין צו פאַרבּונדן האַנדלס-בּאַציונגען מיט די פעל-קער פונם ווייטסטן מזרח.[48] אַפילו דער קלערוס האָט זיך גענומען צו עולמישע געשעפטן און אָנגעהויבּן עקספּאָרטירן די מזרח-סחורות אין מערב-אייראָפּע. לחלוטין אַרויסצושטופּן די יידן פונם מזרח-האנדל האָט זיך זעלבּספאַרשטענדלעך די קריסטן נישט איינגעגעבּן. צו שטאַרק זענען דערצו געווען די יידישע האַנדלס-בּאַציונגען מיטן ווייטן מזרח, אָבּער אויס מיוחסים זענען די יידן געוואָרן. און וואָס קלע-נער ס'איז געוואָרן די בּאַדייטונג פון די יידן אַלס טרעגער פון האַנדל, וואָס ווייניקער מ'האָט זיך אין זיי עקאָנאָמיש גענייטיקט, אַלץ קלענער זענען געוואָרן זייערע רעכט און פּריווילעגיעס. קודם

---

47) Roscher „Die Stellung d. Juden im Mittelalter" in Ansichten der Volkswirtschaftslehre II.

48) Stobe, S. 102.

כּל האָבן די יידן אָנגעהויבן צו פאַרלירן זייערע פּריווילעגיעס בנוגע דער יידישער יוריסדיקציע. שוין אינם 13-טן יאָרהונדערט האָבן שוין די יידן נישט קיין יוריסדיקציע אין אַ גאַנצער רייע גערמאַנישע שטעט, און אין אייניקע פון זיי איז די דאָזיקע יוריסדיקציע זייער באַגרענעצט — גאַנץ אָפט בלויז מיט רעליגיעזע ענינים.[49] אין 13 און אפילו אין 14 יאָרהונדערט באַגעגענען מיר נאָך, אמת, יידישע געמיינדעס מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמער יוריסדיקציע,[50] די צאָל אָבער פון אַזעלכע געמיינדעס אין 13—14 יאָרהונדערט איז שוין געווען קליין און וואָס ווייטער זענען זיי געוואָרן אין מערב-אייראָפּע אַלץ ווייניקער.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע יוריסדיקציע, נישט בלויז די רעליגיעזע, איז פאַקטיש נישט פאַרשוואונדן אינגאַנצן. די אָפּגעשלאָסנקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט פונם יידישן קאָלעקטיוו, פון וועמען דער יידישער יחיד איז געווען אָפּהענגיק אויף טריט און שריט און באַזונדערס אין זיין ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט — האָבן פאַקטיש געצוואונגען דעם יחיד צו רעכענען זיך מיט דעם רעכטסבאַוואוסטזיין פונם יידישן קאָלעקטיוו און *פּריוויליק* זיך אונטערוואַרפן דער יידישער געריכטסבאַרקייט אין אַלע ציווילע סיכסוכים. דער יידישער בית-דין, דער יידישער מאָראַלער און קרימינעלער קאָדעקס איז געווען אַ ווירקנדער פאַקטאָר אינם ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פונם יידישן קיבוץ יאָרנלאַנג נאָך דעם, ווי פאָרמעל איז די יוריסדיקציע פון דער יידישער קהילה אָפּגעשאַפט אָדער שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן. דאָך אָבער האָט די ווירקונג פון דער איצטיקער יוריסדיקציע אויף דער יידישער שפּראַך — זיך געמוזט פאַרקלענערן, ווייל אַ דאַנק דעם אומלעגאַלן כאַראַקטער פון דער יידישער געריכטסבאַרקייט און דעם פעלן פון מלוכה-צוואַנג איז איר אוממעגלעך

49) Stobe S. 102 u. folg. u. Anm. 132 a.

50) Stobe S. 140-41; Wiener, Regesten zur Geschichte der Juden in Deutschland S. 6 № 32.

געוועזן צו באַהערשן דאָס געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע לעבן פון יידישן קיבוץ אַפילו אין די ד׳ אַמות פונם יידישן לעבן. פאַרקערט, די ווירקונג פון מלוכה־קאָדעקס האָט זיך אויפן יידישן לעבן געמוזט פאַרגרעסערן און אַלס פועל־יוצא פון דעם האָט זיך אויך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער געמוזט פאַרקלע־נערן דער שטראָם פון די העברעיש־אַראַמעישע יורידישע באַגריפן און אויסדריקן, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין דער יידישער שפּראַך דורך דער יידישער יוריסדיקציע. זייער אָרט האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרנומען די יורידישע באַגריפן און אויסדריקן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפט־לעכן לעבן.

אָבער די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען צום אָנהייב פון דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער, האָבן אויך געהאַט אַ פּאָ־זיטיווע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער יידישיזירונג פון דער יידיש־דייטשישער שפּראַך. אין 10־טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן אין אייראָפּע דאָס צעפאַלן פון דער נאַטורעלער ווירטשאַפט. די אַרבעט־ספּעציאַליזירונג דערגרייכט שוין אַ באַדייטנדע מדרגה. די פויערים־משפּחה הערט שוין אויף מיט איר אייגענער אַרבעט צו באַפרידיקן אַלע אירע הצטרכותן און ס׳הייבט זיך אָן אַ לעבעדי־קער סחורות־אויסבייט. שוין אינם סוף פון 10 יאָרהונדערט באַגעג־נען מיר זיך מיט די וואָכנטלעכע מערק[51]) און עס טיילט זיך שוין אויך אויס אַ געוויסע גרופּע בעלי־מלאכות, וואָס זענען אין דער זעלבער צייט אויך די לאחדים־סוחרים פון זייערע פּראָדוקטן, און וואָס האָבן דערנאָך שוין אויסגעטיילט פון זיך אַ ספּעציעלע גרופּע פון קליינהענדלער, אינגאַנצן זענען די דאָזיקע ביידע גרופּעס קיינמאָל נישט געווען „יידן־ריין״. אַ גאַנצע רייע מלאכות — שניידער, וועבער (טלתים), קצבים, בעקער — האָבן צו אַלע מאָל גע־מוזט עקזיסטירן בײַ יידן שוין צוליב רעליגיעזע טעמים. אינם 12

---

51) Inama-Sterneg „Deutsche Wirtschaftsgeschichte II S. 373 Anm. I.

יאָרהונדערט זענען געווען יידישע האַנטווערקער און אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט אויף קריסטלעכע קאָנסומענטן.[52] די השערה פון גידעמאַנען, אַז די אָפטע אויפשטאַנדן פון געוויסע צעכן (שוסטער אין ווין, לעקעכבעקער אין פראנקפורט) קעגן יידן דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די יידן האָבן קאָנקורירט מיט זיי אויף די דאָזיקע געביטן, ווייזט אויס פאַר א גאנץ ריכטיקע.[53] אין אַלגעמיין אָבער, ווי ס'האָבן באַוויזן די ביזאיצטיקע אויספאָרשונגען אויפן געביט פון דער ייד. געשיכטע אין מיטלאַלטער, איז דער אָנטייל פון די יידן אין דער מלאכה אין דעם פריערן מיטלאַלטער געווען נישט באַדייטנד.

און נאָר דערמיט, וואָס די יידן האָבן פאַקטיש גענומען אַן אומבאַדייטנדן אָנטייל אין דער האַנטווערקעריי און קליינהאַנדל אין אָנהייב פון זייער אַנטשטייונג, דערקלערט זיך דאָס, וואָס שפּעטער, ווען די מלאכה האָט זיך אַנטוויקלט און איז געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט, האָט זיך די קריסטלעכע בעלי-מלאכות איינגעגעבן כמעט אינגאַנצן צו פאַריאָגן די יידן פונם דאָזיקן געביט.[54] די דאָזיקע פאַקטישע

---

52) ש"ות ראב"ן, וועגן צווייי יידישע בעלי-מלאכות, וואָס האָבן געלעבט אינם נישט-יידישן טייל פון שטאָט.

53) Guedemann „Geschichte des Erzihungswesen und Kultur der Juden in Deutschland B. III S. 169-70;

A. Berliner „Aus d. innern Leben in Mittelalter.

54) איך קאָן, לײדער, זיך נישט אָפּשטעלן דאָ גענוי אויף די טיבות, וואָס האָבן געשטערט די יידן אריינצודרינגען אין דער מלאָכה אין מערב-אייראָפּע אין מיטלאַלטער. אין מיין אַרטיקל „פון צעשפּרייטונג צו קאָנצענטראַציע" („דאָס נייע לעבן" 1911 העפט 7—9) האָב איך אָנגעוויזן אַלס הויפּט-סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג, דאָס, וואָס די מלאָכה אין מערב-אייראָפּע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער דאָרפישער נאַטור-עלער ווירטשאַפט. זי איז אַלץ געבוירן געוואָרן אין א סביבה, וואָס האָט שוין נישט געהאַט צו דער צייט פון דער מלוכה-אַנטשטייונג קיין יידישע באַ-

לאַגע איז שפּעטער פאַרפּיקסירט געוואָרן אויך יורידיש און די יידן זענען אויף אזאַ אופן כמעט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן

---

פעלקערונג. אַ ראיה צו מײַן מיינונג זע איך אין דעם, וואָס גראָד אין די מלוכות, וואָס זענען נישט אַרויסגעוואַקסן געוואָרן פון דער נאַטורעלער דאָרפישער ווירטשאַפט, באַטייליקן זיך די יידן אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער אין אַ שטאַרקערער פּראָפּאָרציע. אַלס כאַראַקטעריסטישער בײַשפּיל קאָן אין דעם פּרט דינען די דימאַנטן-אינדוסטריע (די קונסט צו שלייפן דימאַנטן האָט ערפינדן דווקא אַ קריסט Vlamen Lodewik Berken אין 1456 יאָר), וואָס איז גראָד געבוירן געוואָרן אין דער בליונגס-צייט פון די צעכן, און דאָך איז דער דאָזיקער אַרבעט-צווייג ביז דער לעצטער צייט כמעט מאָנאָפּאָליזירט פון יידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז מעגלעך געווען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער האַנדל מיט גוטע שטיינער — אַלזוי, די סביבה, אין וועלכער ס'האָט זיך אַנטוויקלט די דימאַנטן-שלייפערײַ — האָט זיך געפונען אין יידישע הענט. אינטערעסאַנט איז דערבײַ צו באַמערקן, אַז גראָד די ערשטע 300 דימאַנטן-שלייפער זענען געווען קריסטן, וואָס האָבן געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף אַנטקעגן דער אַרײַנדרינגען פון די יידן אין דער דאָזיקער מלאכה, — איין מאָל האָבן זיי אַפילו געדראָט דעם מאַגיסטראַט, אַז אויב ער וועט נישט פאַרבאָטן די יידן זיך צו באַשעפטיקן מיט דימאַנטן-שלייפערײַ, וועלן זיי פאַרלאָזן די שטאָט אַמסטערדאַם. נישט געקוקט אָבער אויף דעם אַלץ האָבן די יידן גובר געווען. דאָס זעלבע איז אויך צו באַמערקן — אין אַ מער אָדער ווייניקער מאָס — אין אַלע אַנדערע מלאכות, וואָס זענען געבוירן אינם שויס נישט פון דער דאָרף-ווירטשאַפט, נאָר פונם האַנדל — באַזונדער דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל.

אַז נישט די צעכן-אָרגאַניזאַציע — ווי ס'מיינען פיל יידישע היסטאָריקער — איז שולדיק אינם שוואַכן אָנטייל פון די יידן אין די מערב-איראָפּעישע מלאכה פון מיטלאַלטער איז שוין צו זען דערפון, וואָס כמעט ביזן אָנהייב פון דער נייער צייט האָבן על פּי רוב די צעכן נישט געטראָגן קיין אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער פון ריין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און זיי איז אין גרעסטן טייל אַבסאָלוט פרעמד די שטרעבונג צו באַגרענעצן די ווירטשאַפטלעכע רעכט פון איינצלנע בירגער און אַפילו פון זייערע איגענע חברים (G. L. Kriegk „Frankfurter Buergerzwiste und Zustaende im Mittelalter" S. 354 u. ff., S. 371 u. ff. זע אויך געאָרג קאַראָ „Sozial-und Wirtschaftsgeschichte der Juden im Mittelalter und Neuzeit" S. 433

פון דער האַנטווערקעריי און קליינעם האַנדל.[55]

מיט וואָס-זשע האָבן זיך באַשעפטיקט די מערב-איראָפּעישע
יידן אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער?

ס'האָט עקזיסטירט א גאַנץ פאַרשפּרייטע מיינונג צווישן די
יידישע און נישט-יידישע היסטאָריקער, אַז די הויפּט-באַשעפטיקונג
פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין דער דאָזיקער צייט גע-
ווען געלט-געשעפט און וואוכער.[56] דער ה' קולישער האָט אָבער
שוין דערוויזן אין זיין אינטערעסאַנטער ארבעט „וואַרען-הענדלער
און געלד-אויסלייהער"[57] אויפן סמך פון אַ גרויסער צאָל קוועלן,
ווי פאַלש און גרונטלאָז ס'זענען די אַלע באַהויפּטונגען פונם דאָ-
זיקן מין. מיר מיינען אָבער, אַז אויך דער ה' קולישער טרייבט-
איבער די באַדייטונג פונם געלט-האַנדל און וואוכער אינם לעבן
פון די מערב-איראָפּעישע יידן אין דער צווייטער העלפט פון
מיטלאַלטער און אַז אין דער ווירקלעכקייט איז זייער באַדייטונג געווען נאָך קלענער. מיר באַ-
געגענען דאָך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער אַפילו

[55] כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די לאחדים-סוחרים האָבן זיך פריער פון די בעלי-מלאכות אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין צעכן, וועלכע האָבן שוין זייער לאַנג — אין איייניקע ערטער נאָך אינם 12 יאָרה. — געמאַכט אוממעגלעך דעם צוטריט צום קליינעם האַנדל פאַר די נישט-מיטגלידער פון די צעכן. אַזוי, למשל, האָבן די געוואַנט-קרעמער פון מאַגדעבורג נאָך אין 12 יאָרה. באַקומען פונם ערץ-בישאָף אַ פּריווילעגיע, אַז קיין פרעמדע אדער איינוואוינער, וואָס געהערן נישט צום צעך, טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן מיט קרעמעריי. אין מיינץ איז אין 1239 יאָר געווען 48 מאַנופאַקטור-קראָמען, וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט די דאָזיקע בראַנזשע.

[56] באַ דער דאָזיקער מיינונג האָבן זיך געהאַלטן נישט בלויז די אַלטע יידי' געשיכטע-שרייבער, נאָר אַפילו די ייד. היסטאָריקער פון דער לעצטער צייט. אַזוי, למשל, ערקלערט י. שיפּער גאַנץ קאַטעגאָריש, „אַז אָנהייבנדיק פונם XII יאָרה. האָבן זיך יידן באַשעפטיקט בלויז מיט געלט-האַנדל און וואוכער און אַז ייד און וואוכערניק איז דעמאָלט געווען אידענטיש". „Anfaenge d. Kapitalismus" S. 33

[57] Zeitschrift f. Volkswirtschaft u. Verwaltung B. XVII Heft I-II.

אַזעלכע שטעט, וואו די יידן איז בכלל געווען **פאַרבאָטן** צו באַשעפטיקן זיך מיט וואוכער. אַזוי, למשל, נעמט אויף די שטאָט ווירטענבערג שוץ-יידן בלויז מיטן תנאי, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַשעפטיקן מיט וואוכער.[58] אין ווינטערטהור האָבן די יידן ארויסבאַקומען אין 14 יאָרה. (1340) אַ פּריווילעגיע, אַז די „**בורגער**" **זאָלן זיי נישט קאָנען צווינגען צו לייען געלט אויף אַ משכון**,[59] און ס'ווייזט אויס, אַז לכל הפחות דער רוב פון די דאָזיקע יידן האָבן זיך מיט וואוכער נישט באַשעפטיקט.

אויך רײן לאָגיש איז צו פאַרשטיין, אַז נישט דער געלט-האַנדל און וואוכער איז אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער געווען די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די יידן אין דייטשלאַנד. אין יענער צייט, באַלד נאָכן אָנהייב פון דעם סחורה-אויסבייט און געלט-ווירטשאַפט, בעת די קויפספעיקייט פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן איז נאָך געווען שטאַרק באַגרענעצט, האָט בכלל די נאָכפראַגע אויף געלט נישט געקאָנט זיין אַזוי באַדייטנד, אַז דער דאָזיקער אַרט מסחר זאָל באַשעפטיקן דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז אין צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער ביזן 14 יאָרה. איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פרייוויליקע און געצוואונגענע יידישע אויסוואַנדערונג פון דייטשלאַנד, האָבן אין דייטשלאַנד געלעבט גאַנץ באַדייטנדיקע יידישע מאַסן. אויב מ'זאָל נאָך דערצו צוגעבן, אַז אויך די קריסטן — גייסטלעכע, אַדעליקע און סתם רייכע בירגער — האָבן זיך נישט ווייניקער פון די יידן, — באַזונדערס אין 13-טן יאָרה. — פאַרנומען מיט געלט-האַנדל און וואוכער, און אַז אַ גרויסע ראָל האָבן אין דעם פרט געשפּילט די איטאַליענישע באַנקירן (לאָמבאַרדיער), — וועט קלאָר ווערן, אַז דער דאָזיקער מסחר האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַשעפטיקן נישט נאָר דעם רוב, נאָר אַפילו אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער פאַרהעלטנישמעסיק

58) Stobe S. 109.
59) Stobe 113.

גרויסער צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד.

כדי נאָך קלאָרער צו מאַכן דעם דאָזיקן ענין, וואָס האָט א קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער שפּראַך־און קולטור־פאָרשונג פונם יידישן מיטלאַלטער, דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז דער וואוכער, וואָס איז געוועזן דער ווייגעשריי פון דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער, האָט געטראָגן א גאַנץ ספּעציפישן נאַטורעלן כאַראַקטער. דער וואוכער צו דער דערמאָנטער צייט איז דער עיקר באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינצלנע רייכע סוחרים און אויך צוליב דעם געגרינדעטע חברות פלעגן, מיטן צוועק אויפצושרויפן די פרייזן, אויסקויפן די לעבנס־מיטלען און דערנאָך פאַר־קויפן זיי לויט קינסטלעך געהעכערטע פרייזן דעם ברייטן עולם אויף אויסצאָלן (וואוכער) — מיט נאַטור צי מיט געלט. אינם גרונט פונם דאָזיקן וואוכער, וואָס איז געוועזן די הערשנדע וואוכער־פאָרם אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער און וואָס איז צוזאַמענגעבונדן מיטן ק ל ײ נ ע ם אָ ר ט י ק ן האַנדל, זענען די יידן געוועזן פולקאָם אויסגעשלאָסן. פאַר זיי איז אלזוי גע-בליבן בלויז דער געלט-וואוכער און ג ע ל ט-האַנדל, אויף וועלכע עס זענען אָנגעוויזן געוועזן הויפּזאַכלעך קליינע שיכטן פון דער באַ-פעלקערונג (גייסטלעכע, קעניגן, מאַגיסטראַטן, אַדעליקע און דגל.). אָבער אויך דאָס דאָזיקע באַגרענעצטע געשעפט, האָבן זיי געמוזט טיילן, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, מיט צאָלרייכע קריסט־לעכע קאָנקורענטן.

געוויס האָבן די מערב־אייראָפּעישע יידן אין צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער געהאַט געלט-געשעפטן און האָבן זיך אויך פאַר־נומען מיט וואוכער, אָבער דער הויפּט־מקור פון זייער פּרנסה זע־נען געוועזן נישט די דאָזיקע בראַנזשעס, נאָר דער אַנגראָ־האַנדל. „ס'איז אַ טעות צו מיינען, באַמערקט דער ה' קולישער, אַז דאָס אַנטשטיין פון סוחרישע גילדיעס האָט אַרויסגעשטויסן די יידן אויך פונם גרויסן האַנדל. גראָד אינם אַנגראָ־האַנדל האָבן די יידן געקאָנט נאָך די מיטלאַלטערישע באַגריפן נאָך, זיך באַטייליקן גלייך מיט אַלעמען“.60) „אין מיטלאַלטער האָט יעדער, סיי דער פרעמדער, סיי

60) Kulischer S. 253.



TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

דער גאַסט, געהאַט די פרייהייט צו פירן דעם אַנגראָ־האַנדל און בלויז דער קליינהאַנדל איז געווען פאַרבאַהאַלטן פאַר די בירגער״ באַמערקט דער קענער פון דער האַנדלס־געשיכטע אין דייטשלאַנד, ה׳ בעלאָוו.[61] אָבער אויך דער לאחדים־האַנדל איז נישט געווען אינגאַנצן פאַרשלאָסן פאַרן פרעמדן. אָפטמאָל דערלויבט אויך דער מיטלאַלטער דעם פרעמדן זיך פאַרנעמען מיטן קליינהאַנדל, לכל הפחות אויף די ירידים,[62] מיט וועלכע מיר באַגעגענען זיך אין דייטשלאַנד שוין אינם 13־טן יאָרה.[63] און אויף אַזאַ אופן, איז אויך פאַרן ייד נישט אָפּגענומען געוואָרן לחלוטין די יורידישע מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן נישט בלויז אינם אַנגראָ־האַנדל, נאָר טיילווייז אויך (באַזונדערס אויף די ירידים) אינם לאחדים־מסחר. אַז די יידן האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע רעכט און זיךווירקלעך באַשעפטיקט אין דער צווייטער העלפט מיטלאַלטער און אין אָנהייב נייער צייט מיט סחורה־האַנדל, — איז אויך צו זען פון פיל יידישע (רבנישע) קוועלן.[64]

**די הויפּט־באַשעפטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין צווייטער העלפט מיטלאַלטער איז געווען דער אַנגראָ־האַנדל און אויף ירידים אויך קליינהאַנדל — אַ באַשעפטיקונג, וואָס שאַפט נישט קיין שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט אַ וואָסער**

61) Below „Grosshaendler und Kleinhaendler im Deut= schen Mittelalter“. Jahrbuecher fuer Nationaloekonomie F III B. XX S. 47.

62) דאָרט זייט 4—5.

63) Inama Sterneg 3/2 (IV) S. 280-281.

64) שו״ת ראב״ן דף 92 ע׳ ב׳, 93 ע. א׳, 94 א׳, 97 א׳, 97 ב׳.
אור זרוע I (זשיטאָמיר) דף 141 סעיף 481.
ר׳ מאיר מראָטענבורג דף 121, ס׳ 885, 897, 898, 901, 903, 904, 910, 911, 927 און אַנד.
אור זרוע (II) דף 112 ס׳ 247 א. אַ.

נישט איז טעריטאָריאַלער גרופּע פון קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ווי אַזוי־זשע האָט עס געדאַרפט ווירקן אויף דער קולטורעלער און שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג פון יידישן געטאָ?

די יידן זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן פונם קליינעם האַנדל און מלאכה אויף וויפל זיי האָבן געאַרבעט אויף די באַדערפעונישן פונם אָרטיקן נישט־יידישן קאָנסומענט (די אייגענע הצטרכותן אין קליינעם האַנדל און מלאכה האָט זיך דאָס געטאָ אַלעמאָל אַליין באַפרידיקט) און דערמיט איז איבערגעריסן געוואָרן דער עקאָנאָמישער צוזאַמענהאַנג צווישן יידישן געטאָ און דער קריסטלעכער געמיינדע, צו וועלכער דאָס געטאָ האָט טעריטאָריאַל געהערט. ווי שוואַך ס'זענען געווען די עקאָנאָמישע שייכותן צווישן געטאָ און שכנותדיקן קריסטלעכן טייל, איז צו זען דערפון אַליין, וואָס אין פיל ערטער פלעגן זיך די טויערן פון יידישן געטאָ שליסן פון זונאונטערגאַנג ביז זונאויפגאַנג און דאָס איז זעלבספאַרשטענדלעך מעגלעך געווען נאָר ווען די עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָבן דערפון ווייניק געליטן. דאָס יידישע געטאָ איז אויף אַזאַ אופן געווען עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק פון דער אָרטיקער שכנותדיקער גישט־יידישער געמיינדע און האָט דעריבער געהאַט אויך די מעגלעכקייט צו פירן אַ פולקאָם זעלבשטענדיק גייסטיק און קולטורעל לעבן. די נייטיקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די נישט־יידישע שכנים פלעגט זיך טרעפן באַ די איינוואוינער פון געטאָ נישט איבעריק אָפט. שפּעטער האָבן די טויערן פון געטאָ אָפּגעשאַפט די לעצטע שפּורן פונם סאָציאַל־קולטורעלן פאַרקער צווישן די יידן און נישט־יידן און אויף אַזאַ אופן אינגאַנצן אָפּגענומען די מעגלעכקייט באַ די יידן פאָרטצוזעצן זייער שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג און

קאָנטאַקט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

די יידן זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע אַלטע שפּראַכלעכע פאָרמען, און אויף וויפל זיי האָבן זיי ווייטער אַנטוויקלט — איז די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג געגאַנגען אין א גאַנץ באַזונדערער ריכטונג. זייענדיק אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער קולטור, האָבן זיך די יידן נאָך מער ווי פריער געמוזט ווענדן צו דער תורה, און דאָס פלייסיקע תורה-לערנען; און דאָס בוכשטעבלעכע איבערזעצן פון תנ״ך אויף יידיש-טייטש מיט יעדן תלמיד באַזונדער האָט געמוזט, א חוץ דעם, וואָס דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער אומגאַנג-שפּראַך פון געטאָ א גאַנצע שורה העברעישע ווערטער, אויך ווירקן אויפן בוי פון יידיש-טייטש אין דעם זין, וואָס דער בוי-זאַץ פון יידיש-טייטש האָט זיך געמוזט דערנענטערן צום בוי-זאַץ פון דער ביבל-שפּראַך.

און דער אַנגראָ-האַנדל? אין וואָס איז באַשטאַנען זיין ווירקונג אויף דער שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג פון געטאָ?

דער גרויס-האַנדל אין מיטלאַלטער איז געוועזן אויסשליסלעך א וואַנדער-יריד און מאַרק-האַנדל,[65]) און דער יידישער אַנגראָ-הענדלער (ווי אויך דער לאחדים-הענדלער, וועמען ס'איז גאַנץ אָפט אין מיטלאַלטער דערלויבט געווען צו האַנדלען אויף די מערק און ירידים) האָט געמסחרט מיט די ווייטסטע טיילן פון זיין פאָטערלאַנד און נישט זעלטן אויך אויסער זיינע גרענעצן.

אום צו האָבן א באַגריף פונם לעבן פון מיטלאַלטערישן אַנגראָ-סוחר, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדע ווערטער פונם סוחר אַנדרעאָס רופף (כאָטש ער האָט געלעבט אין אָנהייב פון 16-טן יאָרה.), וואָס האָט באַזוכט יערלעך 30 ירידים און נאָך מער מערק:
„Hab wenig Ruh gehabt, dass mich der Sattel nicht an dass

65) Buecher „Die Entstehung d. Volkswirtschaft I Auf. . 57.

Hinterteil gebrant hat 66)

דער יידישער סוחר פון דייטשישן געטאָ אין מיטלאַלטער האָט כמעט זיין גאַנץ לעבן, ווי אַלע אַנדערע אנגראָ־סוחרים פון מיטלאַלטער, געמוזט וואַנדערן פון יריד אויף יריד, פון איין מאַרק אויפן צווייטן. דער מסחר האָט אים געבראַכט אין שטענדיקער באַרירונג מיט די ווייטסטע טיילן פון דייטשלאַנד, אַלזוי מיט אַלע דייטשישע דיאַלעקטן. מיט זיי אַלע האָט ער זיך געדאַרפט פאַרשטיין, צו זיי אַלע האָט ער זיך געמוזט צופּאַסן. דער יידישער סוחר האָט נישט געקענט רעדן אויסשליסלעך אויף זיין טעריטאָריאַלן דייטשישן דיאַלעקט, ווייל דאָס וואָלט געמאַכט זיין שפּראַך אומפאַרשטענדלעך פאַר די קליענטן פון אַנדערע דייטשישע דיאַלעקטן. באַם יידישן סוחר האָט זיך געמוזט אויסאַרבעטן א מין מיטל־שפּראַך, וואָס איז מער אָדער ווייניקער נאָענט צו אַלע דייטשישע דיאַלעקטן. פון אלע דייטשישע דיאַלעקטן האָט דער יידישער סוחר אַסימילירט הן פאָנעטישע און גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען, הן ווערטער און דערנאָך זיי איבערגעטראָגן אין געטאָ. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז שוין צום סוף פון מיטלאַלטער האָט זיך די שפּראַך פון געטאָ אונטערשיידט פון דער אַרומיקער דייטשישער שפּראַך הן פאָנעטיש, הן לינגוויסטיש און אויך גראַמאַטיקאַליש.67)

## V

## די יידישע שפּראַך אין די ערשטע צוויי יאָרהונדערטן פון דער נייער צייט.

די העכסטע מדרגה פון אַנטוויקלונג האָט די יידיש־דייטשע שפּראַך אין מערב־אייראָפּע דערגרייכט אין די ערשטע צוויי־יאָרהונדערט פון דער נייער צייט.

66) Below „Grosshaendler und Kleinhaendler in deutschen Mittelalter“ Jahrbuecher f. Nationaloekonomie III F. 20 B. S. 33.

67) די פאַריינצלטע יידן אין שטעדט און דערפער ווי אויך די קליינע יידישע קהילות אין די שטעדט, וואו ס'זענען נישט געווען קיין צעכן און די יידישע באַפעלקערונג אין זיי האָט זיך דעריבער געקאָנט

מיר האָבן שוין פריער געבראַכט די ערקלערונג פון פּאַול עמיליוס אין דער הקדמה צו זיין ביבל-איבערזעצונג, ווי אויך די עדות פון בוקסטאָרף, וואַגענזייל און ליב וואַליך פון פראַנקפורט (א. מ.) אין זיין כתב-התנצלת, וואָס קאָנען דינען אַלס זיכערע באַווייזן, ווי גרויס ס'איז געווען דער חילוק צווישן דער שפּראַך פון יידישן געטאָ און דער אַרומיקער דייטשער שפּראַך און ווי ווייניק די קריסטן האָבן פאַרשטאַנען זייערע יידישע שכנים, ווען די לעצטע האָבן גערעדט צווישן זיך. און דאָס וועט אונדז נישט וואונדערן, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז גראָד אין אָנהייב פון דער נייער צייט האָט די סאָציאַל-קולטורעלע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן אין דייטשלאַנד דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. ערשט אין אנהייב פון דער נייער צייט איז דאָס יידישע געטאָ געוואָרן אַן אַלגעמיינע ערשיינונג אין אַלע דייטשע פּראָווינציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג. אויך זענען די טויערן פון געטאָ קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַרשלאָסן פאַרן געמיינזאַמען פאַרקער צווישן יידן און נישט-יידן, ווי גראָד אין אָנהייב פון דער נייער צייט. אָבער צוזאַמען מיט דעם איז אויך דאָס יידישע געטאָ קיינמאָל נישט געווען אזוי אומאָפּהענגיק עקאָנאָמיש פון דער אָרטיקער שכנותדיקער באַפעלקערונג, ווי גראָד אין דער דאָזיקער צייט (אין די ערשטע צוויי יאָרהונדערט פון דער נייער צייט).

אין 15-טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן די גרויסע יידישע אויסוואַנדערונג פון דייטשלאַנד, טיילווייז פרייוויליק, צוליב דער פאַרערגערונג פון זייער עקאָנאָמישער לאַגע, טיילווייז א דאַנק די גרושים (פון: קעלן אין 1424-5, אַאוגסבורג — 1439-40, שטראַסבורג 1438, ערפורט 1458, נירענבערג 1498-99, אולם 1499, רע-

---

באשעפטיקן מיטן קליינהאנדל און מלאכה אויפן אָרטיקן געברויך און האָבן זיך געפונען אויף אזא אופן אין שטענדיקע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, – זענען זייערע שפּראַכלעך געווען אַסימילירט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

גענסבורג 1519 און אַנד.). געבליבן זענען אין די דייטשע שטעט אויסשליסלעך די, וואָס האָבן זיך געקאָנט איינאָרדענען אַלס אַנגראָ־סוחרים, ווי אויך דעטאַל־הענד־לער אויף די ירידים און מערק (אַ חוץ דער קליינער צאָל בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, וואָס איז נייטיק געווען אום צו באַפרידיקן די הצטרכותן פון געטאָ זעלבסט ווי אויך די קליינע צאָל געלטהענדלער און וואוכערניקעס). אום צו אילוסטרירן, ווי שטארק ס׳איז געווען די באַדייטונג פונם יריד־האנדל אינם לעבן פון דייטשישן יידנטום אין די ערשטע 2 יאָרה. פון דער נייער צייט, וועלן מיר דאָ באַמערקן, אַז אין משך פון די לעצטע 25 יאָר פונם 17־טן יאָרה. האָבן באַזוכט דעם לייפּצי־גער יריד:[68] פון פראג 637 סוחרים; פון האמבורג — 250; פון האַלבערשטאַט — 198; פון פראַנקפורט אַ. מ. — 152; פון בער־לין — 104; פון פראַנקפורט אַ. א. 57 סוחרים.

נעמענדיק אין באַטראַכט, ווי קליין ס׳זענען געווען די יידי־שע קהילות אין דייטשלאַנד צו דער דערמאָנטער צייט (אַ חוץ פּראג), ווי אויך דאָס, וואָס די לייפּציגער ירידים האָבן נאָך אינם 17-טן יאָרה. נישט געשפּילט די הויפּט־ראָל צווישן די דייטשישע ירידים און דעריבער זענען זיי נישט באַזוכט געווען פון אַלע יידישע (ווי נישט יידישע) סוחרים, מוזן מיר קומען צום באַשלוס, אַז דער באַדייטנדסטער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד האָט געלעבט פון יריד און מאַרק־האַנדל.

די ערשטע צוויי יאָרה. פון דער נייער צייט קאָנען באַ־צייכנט ווערן אַלס פּעריאָד, ווען די עמאַנציפּאַציע פון דער יידי־שער קהילה אין דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט פון דער אָרטי־קער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט דערגרייכט די העכסטע מד־רגה און דאָס האָט ווידער נאָך מער פארגרעסערט די נאַצ. קול־טורעלע און שפּראַכלעכע זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. די שוואַכע עקאָנאָמישע שייכותן צווישן געטאָ און דער

---

68) צוזאמענגעשטעלט נאָך: Dr. M. Freudenthal „Die Juedische Besucher der Leipziger Messen im Jahr. 1675-1699. Frankfurt a. M. 1902

קריסטלעכער געמיינדע האָבן געגעבן די מעגלעכקייט דער קריסט-
לעכער מאַכט אינגאַנצן צו איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג
פונם געמיינזאַמען סאָציאַלן, פּאָליטישן און קולטורעלן פאַרקער,
אָבער דערמיט אַליין האָבן זיי אויך איזאָ-
לירט זייערע יידישע שכנים פונם קולטו-
רעלן און שפּראַכלעכן איינפלוס פון דער
אַרומיקער סביבה און נאָך מער גינסטיק
געמאַכט דעם באָדן פאַרן נאַציאָנאַל-זעלב-
שטענדיקן, קולטורעלן און שפּראַכלעכן
שאַפן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

ס'איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט אין אָנהייב פון דער
נייער צייט פאַרשטאַרקט דעם אָפּווייכונגס-פּראָצעס פון יידיש-טייטש
און אייגנטלעכער דייטשישער שפּראַך.

די גולי-אשכנז, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די מזרח-סלאַ-
ווישע לענדער, זענען אונטערגעפאַלן אין שפּראַכלעכן זין אונטערן
סלאַווישן איינפלוס, און זייער שפּראַך האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכ-
ווייז צו דערווייטערן פון איר ערשטן מקור.[69] די דייטשע יידן, וואָס
האָבן זיך באַזעצט אין די מזרח-סלאַווישע לענדער, האָבן זיך פון
אָנהייב אָן אָנגעהויבן שטאַרק צו באַטייליקן אינם צווישן-האַנדל
פון דייטשלאַנד און פוילן. דער יידישער קאָלאָניסט, וואָס האָט
זיך באַזעצט אין די סלאַווישע לענדער, האָט גיך זיך באַקאָנט
מיטן כאַראַקטער פון זיין נייער היים און אירע הצטרכותן. ער
האָט בעסער ווי דער דייטשישער סוחר, וואָס פלעגט בלויז באַזוכן
פון צייט צו צייט די סלאַווישע געגנטן צוליב האַנדלס-צוועקן, גע-

69) די פראַגע וועגן די סיבות, וואָס האָבן געפירט דערצו, אַז די
יידן אין דער מזרח-סלאַווישער „אכסניה" זאָלן פאַרבאַהאַלטן די שפּראַך,
וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון זייער פריערדיקער היים —
דייטשלאַנד, איז צו ערשט באַרירט געוואָרן אין שיפּערס אַרטיקל „צום
אַרטיקל פון ה' קליין" (קונסט און לעבן 1908 יאָר, ערשטע בוך) זייענדיק
איינשטימיק מיטן ה' שיפּער, אַז די דייטשישע קאָלאָניזאַציע אין פוילן און
ליטע, וואָס האָט געשאַפן, באַזונדערס אין די שטעט, אַ דייטשישע קולטו-
רעלע און שפּראַכלעכע סביבה, האָט געגעבן אויך די יידישע קאָלאָניסטן

קאָנט וויסן דעם געברויכס-מאַרק פון זיין נייער היים, ווי אויך אירע עקספּאָרט-אַרטיקלען. נישט ערגער פונם דייטשישן סוחר האָט ער אויך געוואוסט דעם געברויך און עקספּאָרט-פעיקייטן פון זיין אַלטער היים — דייטשלאַנד. דעריבער טאַקע האָט דער יידישער סוחר פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די סלאַווישע לענדער זיך געפונען באַם האַנדל צווישן דייטשלאַנד און די סלאַווישע לענדער אין אַ פיל בעסערער לאַגע, איידער דער עכט-דייטשישער סוחר; דאָס, צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע סוחרישע ידיעות און ערפאַרונגען, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך פון זיין אַלטער היים, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען אינם דאָזיקן האַנדל אַ דאָמינירנדן פּלאַץ, נישט געקוקט אויפן אָרגאַניזירטן קאַמף, וואָס עס האָבן קעגן אים געפירט די דייטשישע סוחרים. ווי גרויס ס'איז געווען די באַטייליקונג פון די יידישע סוחרים אינם האַנדל צווישן דייטשלאַנד און די סלאַווישע לענדער און ווי שטאַרק עס איז געווען זייער קאָנקורענץ-פעיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט איז צו זען דערפון, וואָס אַפילו די האַנזע, וואָס האָט געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן דעם יידישן האַנדל, האָט נאָך אינם סוף פון מיטלאַלטער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון איר יידן-פיינטלעכער פּאָליטיק בנוגע צו די קאַנטאָרן, וואָס האָבן געדאַרפט באַדינען דעם סלאַווישן אָריענט און באַשעפטיקן

---

אין די דאָזיקע לענדער אַ מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן זייער דייטשישע שפּראַך (דאָס איז אָבער נישט די איינציקע, נאָר איינע פון די סיבות. אַ צווייטע סיבה איז דער אינטענסיווער האַנדלס-פאַרקער צווישן די דייטשישע און סלאַווישע יידן), מוזן מיר אָבער דערווידערן קעגן דער באַהויפּטונג פון ה' שיפּער אויפן סמך פון איין-איינציקן דאָקומענט, דערצו נאָך אַן אָפּיציעלן, — אַז נאָך אינם 15-טן יאָרה. האָט זיך די שפּראַך פון די יידן אַפילו אין די סלאַווישע געגנטן נישט אונטערשיידט פון דער דייטשישער שפּראַך. אַלס קעגנזאַץ צו דעם דאָזיקן דאָקומענט קענען מיר אָנווייזן אויפן יידישן בריוו, וואָס ווערט געבראַכט באַ י. בוקסטאָרף, וואָס קען דינען אַלס באַווייז אַז שוין אינם 15-טן יאָרה. האָט זיך די שפּראַך פון די יידן אַפילו אין דייטשלאַנד אונטערשיידט פון דער דייטשישער.

דאָרט יידישע סוחרים.[70]) מיר האָבן נאָך אויך פיל אַנדערע דיי־רעקטע באַווייזן וועגן אינטענסיוון אָנטייל פון די יידישע סוחרים אינם האַנדל צווישן דייטשלאַנד און סלאַווישן אָריענט פון סוף מיטלאַלטער און אָנפאַנג נייער צייט.[71])

אויף אַזאַ אופן האָבן די גולי־אַשכנז, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די מזרח־סלאַווישע לענדער, נישט איבערגעריסן מיט זייער פריערדיק פאָטערלאַנד און זיך געפונען אין שטענדיקע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט זייערע מערב־אייראָפּעישע ברידער. דער דאָזיקער פאַקט איז נישט געבליבן אָן אַ ווירקונג אויף דער שפראַכלעכער אַנטוויקלונג פון די דייטשישע יידן. די דייטשישע יידן זענען געווען עקאָנאָמיש פאַרינטערעסירט אין דער שפראַכלעכער פאַרבינדונג מיט זייערע סלאַווישע ברידער. די דייטש־רעדנדיקע יידן אין די סלאַווישע לענדער, זייענדיק אָפּגעריסן פון דער דייטשישער סביבה, האָבן אָבער נישט געקאָנט פאָרטזעצן זייער שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג אין דער אַלגעמיינער דייטשישער ריכטונג און זענען על פי רוב פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע מיטלהאָכדייטשישע פאָרמען. אַלזוי, די דייטשישע יידן, וואָס זענען לחלוטין אומאָפּהענגיק געווען פון דער **אָרטיקער** קריסטלע־כער סביבה און וואָס האָבן געמוזט קומען אין האַנדלס־באַציונגען מיט זייערע סלאַווישע ברידער, **זענען עקאָנאָמיש מער פאַרינטערעסירט געווען צו פאַרבאַהאַלטן זייערע מיטלהאָכדייטשישע פאָרמען, איידער איבערצונעמען די נייע האָכדייטשישע פאָרמען.**

די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די דייטשישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די סלאַווישע לענדער, איז פון אָנהייב אָן געווען אַן אַנדערע, איידער אין זייער פריערדיק פאָטערלאַנד.

---

70) Falk „Die Geschichte des deutschen Handels" ציטירט נאָך קולישערס אַרטיקל:
Warenhaendler und Geldausleiher im Mittelalter" S. 228.

71) Бершадскiй „Русско-еврейскiй Архивъ" Т. I.

מיר קאָנען זיך, ליידער, נישט אָפּשטעלן דאָ אויף די סיבות פון דער דאָזיקער ערשיינונג,[72]) אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיין-באַוואוסטער פאַקט, אַז אַ טייל פון די ניי-אָנגעקומענע יידישע קאָלאָניסטן זענען פונם ערשטן מאָמענט אָן איבערגעגאַנגען צום קליינעם האַנדל און מלאכה און זענען דעריבער געקומען אין ענגע באַרירונגען מיט דער רוסיש-רעדנדיקער פויערשער מאַסע (די שטאָטישע קריסטלעכע מאַסע פון פוילן און ליטא האָט צום גרעסטן טייל גערעדט דייטש).

דאס האט, זעלבסטפאַרשטענדעך, געמוזט אַריינברענגען אַ גאַנצע שורה רוסישע ווערטער און אויסדריקן אין דער אומגאַנגסשפּראַך פון די סלאַווישע יידן און איז אויך נישט געבליבן אָן אַ ווירקונג אויפן בוי-זאַץ פון זייער שפּראַך. אָט די דאָזיקע סלאַוויזמען — לכל הפחות אַ טייל פון זיי — זענען דערנאָך איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער שפּראַך פון די דייטשע יידן, מיט וועלכע די סלאַווישע יידן פלעגן קומען אין לעבהאַפטע האַנדלס-באַציונגען אויף די ירידים און מערק. דאָס האָט ווידער פאַרשטאַרקט דעם סלאַווישן עלעמענט אין דער שפּראַך פון די דייטשע יידן און האָט, אויף אַזא אופן, מיטגעווירקט, אַז די יידיש-דייטשע שפּראַך זאָל ווייטער אָפּווייכן פון דער שפּראַך פון דער אַרומיקער דייטשער באַפעלקערונג, דורך דעם וואָס אין דער שפּראַך פון די דייטשע יידן איז אַריינגעדרונגען אַ צאָלרייכע מאַסע סלאַווישע ווערטער און אויסדריקן, וואָס באַגעגענען זיך אין דער נייער צייט אין אַ גרויסער מאָס אפילו אין דער ש ר י פ ט - ש פּ ר אַ ך פון די דייטשע יידן, אויף וויפל דאָס איז צו זען פון די פאַרשיידענע יידישע ספרים פון יידיש-דייטשע מחברים, וואָס זענען ערשינען אין דייטשלאַנד צו יענער צייט.

## VI

## דער אונטערגאַנגס-פּעריאָד פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד.

די ערטשע צוויי יאָרה. פון דער נייער צייט, זענען געוועזן דער בליונגס-פּעריאָד פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד.

---

72) גענויער זע חעגן דעם אין מיין אַרטיקל „פון צעשפּרייטונג צו קאָנצענטראַציע" „דאָס נייע לעבן" 1911 העפט 7-9.

אָבער שוין אינם זעלביקן 17-טן יאָרה. קומען פאַר אינםווירטשאפט-לעכן לעבן פון די דייטשע יידן זייער וויכטיקע שינוים, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע קעגנזעצלעכע באַדייטונג פאַר דער ווייטער-דיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין די דייטשישע לענדער.

אַ גאַנצע רייע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע סיבות, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז שוין אינם סוף 17 יאָרה. איז געפאַלן די מאַכט פון דייטשישן בירגערטום מיט זיין אָפּגעשלאָסענער צעכן-אָרגאַניזאַציע, און זייע-רע לאַנגיאָריקע קאָנקורענטן — די יידן—האָבן באַקומען דעם צו-טריט צום קליינעם האַנדל (אויף וויפל ער האָט געאַרבעט אויף די אָרטיקע הצטרכותן) און אינדוסטריע. צום סוף פונם 17 יאָרה. באַגעגענען מיר שוין אין אַ גאַנצער שורה פּרייכישע שטעט און דערפער פאַראיינצלטע יידישע משפחות, וואָס באַשעפטיקן זיך הויפּטזאַכלעך מיטן קליינעם האַנדל און הויזירן. אויך די גרעסערע יידישע קהלות גייען אַרויס פון זייער עקאָנאָמישער אָפּגעשלאָסנ-קייט און פאַרבינדן אינטענסיווע האַנדלס-באַציונגען מיט דער אַרו-מיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג. פונם 18 יאָרה. אָן הייבט בכלל אָן צו שפּילן דער קליינער האַנדל און דאָס הויזירן אַ באַ-דייטנדיקע ראָל אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די דייטשע יידן. זיי מאָנאָפּאָליזירן כמעט דעם עקספּאָרט פון דייטשלאַנד קיין ענג-לאַנד, ווי אויך דעם אימפּאָרט פון די ענגלישע פאַבריקאַטן קיין דייטשלאַנד[73]). אינם סוף 18 יאָרה. ווערן די יידן — כמעט די ערשטע — אינדוסטריעלע אונטערנעמער און פאַבריקאַנטן אין די דייטשישע לענדער. די יידן זענען די ערשטע גרינדער פון דער פּרייסישער זייד-פאַבריקאַציע, אין האַמבורג זענען זיי די פּיאָנערן פון דער זאָקן-אינדוסטריע, אין פיהרט (Führt) — אין דער פאַברי-קאַציע פון שפּיגל-גלאָז[74]). אין אייניקע ערטער פון דייטשלאַנד באַקומען די יידן שוין צום סוף 18 יאָרה. אויך דאָס רעכט צו

---

73) W. Sombart „Die Juden u. d. Wirtschaftsleben" S. 61.

74) דאָרט ז. 160. לײדער הײזט זאָמבארט נישט אָן די קװעלן.

באַשעפטיקן זיך מיט אַלערליי „מעכאַנישע קונסטן“.[75]

דאָס געטאָ האָט נישט בלויז פאַרלוירן די פריערדיקע עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, נאָר צום סוף פונם 18 יאָרה. ווערט עס אַפילו דער הויפּט־מאַרק־פּלאַץ פאַר דער גאַנצער שטאָט, און ווערט מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער קריסטלעכער סביבה, און פון איר (און נישט פונם יריד־האַנדל, ווי פריער) ווערט דאָס יידישע געטאָ הויפּטזאַכלעך אָפּהענגיק.

אַלזוי, נישט בלויז די פּאַראײנצלטע יידישע משפּחות, נאָר אויך גרויסע יידישע צענטערן פאַלן אונטער אין סוף פון דער צווייטער העלפט 17 יאָרה. אונטערן קולטורעלן און שפּראַכלעכן איינפלוס פון דער ארומיקער אָרטיקער באַפעלקערונג. וואָס ווייטער, אַלץ מער וואַקסט די באַדייטונג פונם אָ ר ט י ק ן קריסטלעכן קאָנסומענט אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן פונם געטאָ־ייד און צוזאַמען מיט דעם וואַקסט אויך די אומבאַוואוסטזיניקע, ווי אויך די באַוואוסטזיניקע שטרעבונג צוצופּאַסן זיך צו דער שפּראַך פון די קליענטן, פון וועמען ס׳איז אָפּהענגיק זייער גאַנצער קיום. אַלזוי, נישט דאָס „שיינרעדן“ און די פילאָזאָפישע חקירות פונם פאָטער פון דער אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד — משה מענדעלסאָן — האָבן געוואונען די סימפּאַטיעס פון די דייטשישע יידן פאַר דער אַסימילאַציע. דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע־אידעאַל האָט אונטער זיך אַ שטאַרקן עקאָנאָמישן באָדן. ער איז אויסגעוואַקסן פון דער נייטיקייט, וואָס עס האָבן געפילט די דייטשישע יידן צוצופּאַסן זיך צו דער שפּראַך פון די, פון וועמען ס׳איז אָפּהענגיק געווען זייער עקאָנאָמישער קיום, נאָכדעם, ווי זיי זענען עקאָנאָמיש אָפּהענגיק געוואָרן הויפּטזאַכלעך פונם אָרטיקן מאַרק.[76]

---

75) דאָרט ז. 208.

76) וועגן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סיבות פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אַסימילאַציע־אידעאַלן בּאַ די דייטשישע יידן זע מיין אַרטיקל: „די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע בּאַ דער ייד. בורזשואַזיע אין מזרח־ און מערב־אייראָפּע“ „דאָס נייע לעבן“ 1911 העפט 2 און 4.

די דאָזיקע שטרעבונג צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע איז אין אַ געוויסער מאָס פאַראַליזירט געוואָרן דורך דער סאָציאַלער און קולטורעלער איזאָלאַציע פון יידישן געטאָ, וואָס האָט געדויערט אינם גרעסטן טייל פון דייטשלאַנד ביזן אָנהייב פונם 19־טן יאָרה. דערפאַר אָבער איז די דאָזיקע שטרעבונג געוואָרן אַלהערשנד אין יידישן געטאָ און אינגאַנצן פאַרכאַפּט די יידישע מאַסע — פון דעם מאָמענט אָן, ווען די טויערן פון געטאָ זענען געפאַלן, און צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפט־לעכער און קולטורעלער פאַרקער צווישן די יידן און זייערע קרי־סטלעכע שכנים. דער דאָזיקער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע האָט נאָך מיטגעהאָלפן אויך, וואָס אינם 19 יאָרה. איז בכלל געפאַלן דער יריד־האַנדל. די האַנדלס־פאַרבינדונגען צווישן די יידישע סוחרים אין דייטשלאַנד און סלאַווישע לענדער זענען שוואכער געוואָרן, און ס׳איז אויף אַזאַ אופן פאַרשטאָפּט געוואָרן איינע פון די קוואַלן, פון וועלכן ס׳האָבן אַריינגעשטראָמט סלאַוויאַניזמען אין דער שפּראַך פון די דייטשישע יידן, און האָט זי דערווייטערט פון איר דיי־טשישן מקור.

אויך דער אַנגראָ־האַנדל, וואָס האָט אויפגעהערט אינם 19-טן יאָרה. צו זיין אַ וואַנדער-האַנדל, האָט נישט וויניק מיטגעווירקט דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, ווייל דער יידישער אַגראָ־סוחר האָט זיך שוין עמאַנסיפּירט פון דער נייטיקייט שפּראַכלעך צוצו־פּאַסן זיך צו אַלע דייטשישע דיאַלעקטן און יעדע יידישע קהילה האָט זיך געפינען אויסשליסלעך אונטערן שפּראַכלעכן איינפלוס פון דער אָרטיקער ארומיקער סאָציאַל־שפּראַכלעכער סביבה. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיטגעבראַכט, אַז אינם 19 יאָרה. זאָל אין דייטשלאַנד אינגאַנצן אונטערגיין די יידישע שפּראַך, כמעט שפּורלאָז.

---

רעזומירן מיר אין קורצן דעם געשיכטע-גאַנג פון יידיש־טייטש אין דייטשלאַנד, אַזוי זעען מיר, אַז אַ בילבול האָבן אויסגע־טראַכט אויף אונדזער שפּראַך די משכּילים, ווי אויך די יידישע הי־

סטאָריקער פון דייטשלאנד,[77]) אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין דער ענגער, שמוציקער גאַס פון געטאָ. דער געבורטס-יחוס פון אונדזער שפּראַך איז אַ פּיל שענערער. אויפן שויס פון פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג און אויטאָנאָמיע, וואָס די יידן האָבן באַקומען נאָך אין אָנהייב פון מיטלאַלטער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פרעמדשטאַמיקע און אמונה-פרעמדע אין די דייטשישע לענדער, אַ דאַנק דעם אַלגעמיינעם אויטאָנאָמען-פּרינציפּ (פּערזענלעכקייט דעס רעכטס), וואָס האָט געהערשט אין די דייטשישע לענדער צו יענער צייט איז אונדזער יידישע שפּראַך געבוירן געוואָרן. די ווייטערדיקע פאַריידישונג פון אונדזער שפּראַך איז פאָרגעקומען אַ דאַנק די האַנדלסבאַציונגען, וואָס די דייטשישע יידן האָבן נאָך אין פריערן מיטלאַלטער פאַרבונדן מיט די יידישע קהילות פונם חייטן מזרח, בא וועלכע די דיימשישע יידן האָבן זיך געמוזט באַנוצן מיט העברעיש אַלס הילפס-שפּראַך און אויף אַזאַ אופן אַריינגעמען אין זייער יידיש-טייטש אַ גאַנצע שורה העברעישע און אַראַמעישע ווערטער און אויסדריקן, באַזונדערס אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צום האַנדל. די פאַריידישונג פון אונדזער שפּראַך איז אויף אַזאַ אופן ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער שענסטער עפּאָכע פון אונדזער דיאַספּאָראַ-לעבן, ווען אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן כמעט מאָנאָפּאָליזירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, באַזונדער דער האַנדל מיטן אָריענט, זענען מיר געוואָרן אַן עקאָנאָמישע מאַכט אין די דייטשישע לענדער, מיט וועלכער ס'האָבן זיך געמוזט רעכענען פירשטן און גייסטלעכע, ווען מיר זענען געוועזן די פּריווילעגירטע אין אייראָפּע און דער יורידיקציע פון דער יידישער קהילה זענען געוועזן אונטערגעוואָרפן אויך נישט-יידן, בעת זיי האָבן פּראָ-

---

77) Graetz VII S. 24 „Sie vernachlaesigen ihre ausseres Auftreten, da sie doch eimal eine verachtete, ehrlose Kaste sein sollten, die auch nicht im Entferensten auf Ehre Anspruch machen duerfte, sie verwahrlosten näch und nach ihre Sprache, da sie doch nicht zu gebildeten Kreisen erlangen und untereinander sich ihre Kauderwelsch verstaendlich machen kannte.

צעסירט מיט יידן. אמת, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידיש־טייטש איז פאָרגעקומען אין דער ענגער שמוציקער געטאָ־גאַס, אמת איז אויך, אַז דאָס געטאָ האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער יידישער שפּראַך, אָבער... נישט בלויז מיט זיין ענגשאַפט און שמוץ. אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט פון דער אַרומיקער אָרטיקער סביבה, האָט דאָס געטאָ לחלוטין איזאָלירט די יידישע מאַסן פון דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט און זיי אויף אַזאַ אופן געגעבן די מעגלעכקייט אינגאַנצן זעלבשטענדיק זיך צו אַנטוויקלען. נישט הערנדיק כסדר אַרום זיך דעם קלאַנג פון דער דייטשישער שפּראַך, האָט זיך די יידישע מאַסע דערמיט אַליין באַפרייט פון דער באַוואוסטזיניקער און אומבאַוואוסטזיניקער שפּראַכלעכער נאָכמאַכונג און צופּאַסונג, און איז געגאַנגען אין דער הינזיכט מיט איר אייגענעם וועג. אויף וויפל מיר האָבן צו טון מיט פאָנעטישע, גראַמאַטיקאַלישע און אַנד. ענדערונגען, וואָס ס'זענען אַנטשטאַנען אין געטאָ, איז דאָס נישט קיין פּראָדוקט פון שמוץ און ענגשאַפט, נאָר להיפך, אַ פּועל־יוצא פון דער קולטורעלער און עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט פון די געטאָ - יידן בנוגע צו דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

דער יריד־ און מאַרק־האַנדל פון דער צווייטער העלפט מיטל־אַלטער און די ערשטע צוויי יאָרה. פון דער נייער צייט, וואָס האָט געבראַכט דעם יידישן סוחר אין באַרירונג מיט כלערליי דייטשישע דיאַלעקטן, אויך די האַנדלס־באַציונגען צווישן די דייטשישע און סלאַווישע יידן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער שפּראַך פון די דייטשישע יידן פיל סלאַווישע עלעמענטן, האָבן אויך נישט ווייניק מיטגעווירקט דעם אָפּווייכונגס - פּראָצעס פון דער געטאָ־שפּראַך און דער שפּראַך פון דער אַרומיקער דייטשישער סביבה.

דאָס פאַלן פון יידיש אין דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט פון 17 יאָרה. און זי איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן נאָכדעם, ווי די יידן האָבן אין דייטשלאַנד באַקומען פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער נישט די דאָזיקע פּאָליטישע עמאַנסיפּאַציע איז שולדיק אין דעם פאַלן פון יידיש, ווי ס'קאָן זיך אויסווייזן פונם ערשטן אויגנבליק, און ווי ס'מיינען ווירקלעך

פיל אויבנאויפיקע באַאָבאַכטער. די הויפּט סיבה דערפון איז, וואָס די קליינע יידישע מאַסע אין דייטשלאַנד — און דאָס אַליין, די נישט-מאַסנהאַפטיקייט, איז פאַר זיך אויך זייער אַ וויכטיקע סיבה — האָבן זייט דער צווייטער העלפט פון 17 יאָרה. אָנגעהויבן איבערצוגיין צום קליינעם האַנדל און נאָך דער עמאַנסיפּאַציע אויך צו דער מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס, און זענען אויף אַזאַ אופן ווידער געוואָרן עקאָנאָמיש אפּהענגיק פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. נאָך מער, לויטן כאַראַקטער פון זייער עקאָנאָמישער טעטיקייט זענען זיי אַפילו געצוואונגען צו געפינען זיך אין שטענדיקע פּערזענלעכע באַציונגען מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, און זענען דעריבער געצוואונגען צוצופּאַסן זיך צו דער שפּראַך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, פון וועלכער ס'איז אָפּהענגיק זייער עקאָנאָמישער קיום.

נישט די גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר בלויז די נישט מאַסנהאַפטיקייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין דייטשלאַנד און זייערע פּערזענלעכע עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון דער אָרטיקער נישט-יידישער באַפעלקערונג איז די סיבה דערפון, וואָס אין דייטשלאַנד איז אין דער לעצטער צייט די יידישע שפּראַך פאַרשוואונדן געוואָרן.

# די שפּראַכלעכע אנטוויקלונג פֿון די יידן אין די רוסישע געגנטן

אויפן צפונדיקן ברעג פונם שוואַרצן ים האָט פון אוראַלטע צייטן, נאָך פאַרן חורבן בית־שני, געוואוינט אַ באַדייטנדיקע יידישע באַפעלקערונג. צווישן די מצבות און אַלטע אויפשריפטן, וואָס מ'האָט געפונען אין אַמאָליקן פאַנטיקאפייאָן (איצט קערטש), געפינט זיך אַ מירמלשטיינערן ברעט מיט אַן אויפשריפט אויף גריכיש וועגן באַפרייונג פון קנעכט בתנאי, אַז זיי זאָלן זיך מקדיש זיין דער שול (אָדער לויט אַ צווייטן נוסח: זאָלן זיך מתחייב זיין צו באַזוכן די שול). דאָס ברעט איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 80 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג; און צווישן די געפונענע מצבות אויפן קרימער האַלב־אינזל געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זע־נען געשטעלט געוואָרן אין צווייטן יאָר פון דער נייער צייטרעכ־נונג[1]).

לויט זייער קולטורעלן מצב טיילן זיך אָט די יידן אויף צוויי טיילן: די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אויפן צפון־מזרחדיקן ברעג פונם שוואַרצן ים: אין פאַנטיקאַפייאָן, אַנאַפאַ, ווי אויך אין אָל־ביאַ (אויפן ברעג פונם מערבדיקן טייך בוג) און אַנדערע גריכישע קאָלאָניעס זענען געווען לחלוטין העלעניזירט, און די גריכישע שפּראַך — לא די, וואָס זי איז געוואָרן די איינציקע שפּראַך פון זייער פּראַקטישן לעבן, נאָר זי האָט אַרויסגעשטופּט די אַלטע העבּרעישע שפּראַך אפילו פונם רעליגיעזן לעבן. די אויבנדערמאָנטע יידישע מצבות אין אָט די גריכישע קאָלאָניעס זענען אַלע גע־שריבן אין דער גריכישער שפּראַך.

אין אַ גאַנץ אַנדער קולטורעלן צושטאַנד האָט זיך געפונען די בערך צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג אינם צענטער פונם קרי־מער האַלב־אינזל. די גרויסע צאָל יידישע מצבות, וואָס מ'האָט גע־

---

1) זע „Регести и надписи" ז. 2 און ה.

פונען אין באַזונדערע טיילן פון טאַווירידע, זענען אַלע געשריבן העברעיש, און זיי זאָגן עדות, אַז די דאָזיקע יידן זענען פיל געטרייער פאַרבליבן צו דער יידישער אמונה, טראַדיציעס, ווי אויך צו דער העברעישער שפּראַך, ווי זייערע העלעניזירטע ברידער פון דער שכנישער באָספּאָראַנישער מלוכה, הגם אויך באַ זיי, ווי ס'מיינט הרבכי, האָט שוין צו יענער צייט די העברעישע שפּראַך אויפגעהערט צו זיין די אומגאַנגשפּראַך.

פון וואַנען זענען געקומען די דאָזיקע יידן, און אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָבן זיי גערעדט?

ליידער, קאָן די יידישע היסטאָריע באַ איר איצטיקן צושטאַנד נישט געבן קיין, מער אָדער ווייניקער, וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטן ענטפער אויף אָט די אָן-ספק זייער וויכטיקע פראַגן פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין איצטיקן רוסלאַנד.

די נעמען, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט געטראָגן אין קרים ביזן VII יאָרה. זענען געווען דורכויס העברעישע (משה, שמואל, עזריה וכדומה). ערשט זינט דעם IV יאָרה. הייבן זיך אָן צו באַגעגענען אויף די יידישע מצבות פאַרשיידענע טערקישע נעמען: באַקשי, טאָכטאַמיש, סעווערגלין, עלטונקיז און אַ. ח. די טערקישע נעמען ווייזן, אַז שוין צו יענער צייט זענען די דאָזיקע יידן געווען קולטורעל אונטער אַ געוויסער השפעה פון אַ טערקישן אָדער טערקיש-רעדנדיקן שבט, אָדער לכל הפחות פלעגן זיי קומען מיט אַזאַ שבט אין אָפטע און נאָנטע באַרירונגען. צי האָבן אָבער די יידן אין קרים איבערגענומען, צוזאַמען מיט די נעמען, אויך די שפּראַך פון זייערע טערקישע אָדער טערקיש-רעדנדיקע שכנים, איז דערווייל אוממעגלעך צו וויסן.

אין אָנהייב פונם אכטן יאָרה. האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין קרים שטאַרק פאַרגרעסערט דורך דער אימיגראַציע פון די ביזאַנטישע יידן. אין דער צייט פון לעאָן דעם איסאַווריער הייבן זיך אָן אין דער גריכישער אימפּעריע שטאַרקע רדיפות אויף דער יידישער אמונה, און די גריכישע יידן זענען געצוואונגען געווען מאַסנווייז צו פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד און זוכן ערגעץ וואו פאַר זיך אַ מקום-מקלט; זייער אויפמערקזאַמקייט האָט צוגע-

צויגן צו זיך אָט די ווייטע און צו יענער צייט נאָך גריכישע פּראָווינץ. דאָ האָבן זיי זיך געקאָנט פילן זיכערער, ווייל דאָ אין דעם קאַנט, וואָס איז כמעט אינגאַנצן באַזעצט געווען פון נישט-קריסטלעכע עלעמענטן, האָט די גריכישע רעגירונג, ווי שטאַרק זי איז נישט געווען באַאיינפלוסט פון דער קירך, געמוזט אָפּזאָגן זיך פון געוואַלט-מעשים קעגן די נישט-קריסטן, ווייל דאָס וואָלט אויפגעבראַכט קעגן איר די גאַנצע באַפעלקערונג, און די אויפרעגונג וואָלטן זיכער אויסגענוצט די כוזרים, כדי אָפּצורייסן די דאָזיקע פּראָווינץ פון גריכנלאַנד. דעריבער איז דאָ די גריכישע רעגירונג געצוואונגען געווען מענטשלעכער זיך צו באַגיין מיט אירע יידישע בירגער.

פון דאַנען האָבן די יידן דערנאָך געקאָנט איבערוואַנדערן אין כוזרישן כהנת, וואו עס האָט זיך באַלט מגייר געווען דער כהן (כוזרישער קעניג) מיט זיינע מקורבים ווי אויך אַ טייל פון דער כוזרישער באַפעלקערונג, און זיי זענען אויף אַזאַ אופן געוואָרן דער הערשנדיקער קלאַס פונם לאַנד. אַ דאַנק אָט דער אמונה-איינקייט האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט די צוזאַמענגיסונג פון די יידן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און אויב אין אמונה-זאַכן האָבן די יידן משפיע געווען אויף די כוזרים, איז, להיפוך, אין פרט פון שפּראַך — האָבן די יידן, ווי אַ מיעוט, געמוזט זיך אונטערגעבן דער מערהייט פון דער כוזרישער באַפעלקערונג. די געלערנטע האָט זיך נאָך ביז איצט נישט איינגעגעבן פעסטצושטעלן, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָבן גערעדט די כוזרים, אָבער על-כל-פנים, אויב מען זאָל נאָר גלייבן די עדות פון די מוסולמענישע שרייבער, „איז די כוזרישע שפּראַך נישט גלייך געווען צו דער שפּראַך פון דער סלאַווישער באַפעלקערונג״.[2]

ובכן, אין די צוויי לענדער, פון וואַנען די „קיעווסקאַיאַ רוס״ האָט געקאָנט באַקומען אירע ערשטע יידישע קאָלאָניסטן, האָבן די יידן גערעדט אויף נישט-סלאַווישע שפּראַכן.

---

2) А. Гаркави: Сказанія мусульманскихъ писателей о словянахъ и руссахъ.

צי האָבן די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין די סלאווישע
געגנטן, וואָס זענען געקומען אהער פון נישט סלאַווישע קאַנטן
(טאווריִדע און כוזרישן כהנת) גיך איבערגענומען די שפּראַך פון
דער סלאַווישער באַפעלקערונג, וואָס צווישן איר האָבן זיי געוואוינט,
אָדער זיי האָבן אויך ווייטער גערעדט אויף די שפּראַכן, וואָס זיי
האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, ביז וואַנען זיי זענען איינגעשלונגען
געוואָרן פון דעם מעכטיקן שטראָם פון דער מערב־אייראָפּעישער
עמיגראַציע מיט איר יידיש־דייטשישער שפּראַך?

אָט די פראַגע איז פיל מאָל אַרומגערעדט געוואָרן פון יידי-
שע און נישט־יידישע היסטאָריקער, אָבער, ליידער, נאָר אַגב־אורחא.
אַפילו אַזאַ אויספאָרשער ווי פּראָפ. בערשאַדסקי, וואָס האָט ארויס־
געוויזן אַזאַ אומגעהייערע בקיאות בנוגע צו אַלע אַנדערע פראַגן
פונם יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין ליטווישן
קעניגרייך, האָט די דאָזיקע פראַגע באַהאַנדלט זייער אויבנאויפיק,
ווייל ער האָט נישט געקאָנט אויסנוצן די פיל היסטאָרישע מקורים,
וואָס געפינען זיך אין די שו״ת, ווי אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע
דאָקומענטן, וואָס זענען געשריבן העברעיש. די איינציקע, וואָס
האָבן זיך אָפּגעגעבן ערנסט און וויסנשאַפטלעך מיט דער דאָזיקער
פראַגע, זענען אונדזערע היסטאָריקער א. הרכבי און ש. דובנאָוו,
וואָס שטייען בנוגע צו דער דאָזיקער פראַגע אויף סותרדיקע
שטאַנדפונקטן. מיט פאָלגנדיקע 9 ראיות באַמיט זיך הרכבי צו באַ
ווייזן, אַז די יידן אין די רוסיש־סלאַווישע געגנטן האָבן גערעט
ביזן 16־טן יאָרה. און טיילווייז נאָך אין אָנהייב פון 17־טן יאָרה־
— רוסיש:[3]

א) באַ פיל מחברים און מפרשים פון תנ״ך, וואָס האָבן גע־
לעבט אין דער צייט פון עלפטן ביזן זיבצנטן יאָרה., ווי אויך אין
אַנדערע יידיש־רעליגיעזע ספרים, באַגעגענען מיר אָפט סלאַווישע
ווערטער. צום ערשטן מאָל באַגעגענען מיר זיך מיט אַזעלכע ווער־
טער אין אָנהייב פון עלפטן יאָרה. באַ ר׳ נתן בר׳ יחיאל פון רוים,
דעם מחבר פון „ערוך" (מקצבה, אקרין, פערינע א. אַנד.), אויך באַ

---

3) ז. „היהודים ושפת הסלאווים" ז. 19 און ח.

רש״י טרעפן זיך סלאַווישע ווערטער, זייער אָפט באַ ר׳ יוסף קרא, ווי אויך באַ פיל אַנדערע.

ב) צווישן די נעמען, וואָס די יידן האָבן געטראָגן אין די סלאַווישע געגנטן, באַגעגענען זיך גאַנץ אָפט סלאַווישע.

ג) אויף די געפינענע אַלטע פוילישע מטבעות איז די סלאַ־ווישע אויפשריפט „מעשקא דער קעניג פון פוילן״ געשריבן מיט יידישע אותיות (משקא קרל פולסקי).

ד) באַ די יידן אין דרום־רוסלאַנד איז פאַראַן אַ מסורה, אַז די יידן האָבן דאָ אַמאָל גערעט רוסיש; די דאָזיקע מסורה האָט יצחק בער לעווינסאָן געבראַכט אין זיין „תעודה בישראל״ און אויך הרכבין גופא איז אויסגעקומען צו הערן דאָס אין דער דרומדיקער געגנט.

ה) די עדות פונם אַראַבישן שרייבער אבן כורדאבאדע, אַז נאָך אינם ניינטן יאָרה. האָט ער באַגעגנט יידישע סוחרים — תל־מודיסטן — וואָס האָבן גערעדט אויף דער סלאַווישער שפראַך.[4]

ו) די עדות פונם ר״ם (ר׳ מאיר כ״ץ) — דעם פאָטער פונם בעל הש״ך, אַז די יידן אין די רוסישע געגנטן האָבן גערעדט רו־סיש, און אָט דאָס זענען זיינע ווערטער: כי זה המנהג נתפשט בארצנו שבני בריתנו היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא וקוראים לעיר בריסק ברסטא. אם יתן ד׳ ותמלא הארץ רעה וידב־רו כולם שפה אחת לשון אשכנז״... ווי אויך די שו״ת וועגן אַ יידן פון ווילנע, וואָס האָט מקדש געווען אַ מיידל אויף רוסיש און האָט דערביי געזאָגט: יא איסט״ם טביא מקדש בי״ל (שו״ת הש״ך „גבורת אנשים״).

ז) די ידיעה פון ר׳ יואל סירקיש, וואָס איז באַוואוסט אונ־טערן נאָמען ב״ח, וועגן אַ יידן פון מעדזשיבוזש (פאָד. גוב.), וואָס האָט זיין גבית־עדות געגעבן אויף רוסיש (יום א׳ כ״ו טבת במותב תלתא כחדא היינו ואתא לקמנה כמ״ר יוסף בר׳ שמואל ושאלנואותו

---

4) אין אָריגינאַל הערן די יידן אָנגערופן „אל רהדניא״ נאָך הרכבי ליינט פאָר צו לייענען „אל רבניא״ וואָס באַדייט רבניטן, צום אונטער־שייד פון די קאַראַימער, וואָס רופן זיך אין אַראַביש „אל קריה״.

באליו״ע (באם לא יגיד ונשא עונו) והעיד בלשון רוסית והעתקנו בלה״ק — שו״ת הב״ח סימן פ״ב).

ח) די קאַווקאַזער סעקטע שובתי שבת (סובאָטניקעס), וואָס רעדן נאָך ביז איצט רוסיש און זענען געוויס, לויט דער מיינונג פון הרכבי, יידן, וואָס האָבן געמוזט מהמת די רדיפות באַהאַלטן זייער יידישקייט, ווי ס׳איז צו זען פונם בריוו, וואָס ס׳האָט גע־שיקט אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער סעקטע — דער קאָזאַק סימאָן לאַטישעוו צום קאַראַימישן חכם זרח כארצענקי, אָדער לכל הפחות זענען די גרינדער פון דער סעקטע געווען יידן, וואָס האָבן מיט דער צייט זיך אינגאַנצן צוזאַמענגעגאָסן מיט די איבעריקע אָנהענ־גער, און דאָס, מיינט הרכבי, וואָלט נישט מעגלעך געווען, ווען די גרינדער וואָלטן נישט געווען גערעדט קיין רוסיש.

און ט) די עדות פון צונג, אַז די פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך אינם זעכצנטן יאָרה. געפינען אין די שטעט ברעשיא און מאנ־סוא, האָבן גערעדט פויליש און ספּעציעל צוליב זיי האָט מען גע־שריבן יידישע ספרים אין דער פוילישער שפּראַך, און די כתב־ידן געפינען זיך נאָך איצט אין דער ביבלאָטעק פון פאַרמא.

דאָס זענען די אַלע ראיות, וואָס מיט זיי וויל הרכבי באַ־ווייזן, אַז די יידן אין די רוסיש־סלאַווישע געגנטן ביזן 16 יאָרה. און טיילווייז אויך אין אָנהייב 17־טן יאָרה. האָבן גערעדט רוסיש. ליידער אָבער, זענען נישט אַלע זיינע ראיות איינגעגעבן און נישט גענוג באַגרינדעט.

אַזוי, למשל, קאָנען דאָס געברויכן פון סלאַווישע נעמען, וואָס מיר באַגעגענען זיי באַ דער יידיש־רוסישער באַפעלקערונג, בשום אופן נישט דינען פאַר אַ באַווייז, אַז רוסיש איז געווען די מוי־טער־שפּראַך פון די דאָזיקע יידן. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַ פאָלק זאָל איבערנעמען באַם צווייטן פאָלק, וואָס עס קומט מיט אים אין נאָנטע באַרירונגען, זיינע נעמען און זאָל אין דער זעל־בער צייט לחלוטין בלייבן פריי פון זיין ווירקונג אינם פרט פון שפּראַך. ווי באַוואוסט, איז גריכיש קיינמאָל נישט געווען די אומ־גאַנג־שפּראַך פון די פּאַלעסטינער יידן, און דאָך האָבן זיי נאָך אַלכסנדר מוקדונס צייט גאַנץ אָפט זיך גערופן מיט גריכישע נע־

מען. די רוסישע סלאַוון האָבן אין זעכצנטן יאָרה. געוויס נישט גערעדט קיין טאָטעריש, און דאָך באַגעגענען מיר באַ זיי, אפילו אין די ווייטסטע צפון־טיילן, וואָס האָבן זיך ווייניקער באַרירט מיט די טאָטערן, אַזעלכע עכט־טאָטערישע נעמען, ווי אחמעט, מוראַט, מורזא און כדומה. מיר באַגעגענען אויך באַ די רוסן אייניקע יידישע נעמען, וואָס זענען נישט קאַנאַניזירט געוואָרן דורכן קלויסטער, און די רוסן האָבן זיי, בכן, געמוזט דירעקט האָבן איבערגענומען באַ דער יידישער באַפעלקערונג: שלם, שלמה (אָדער אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע (Schelom, Scheloma, Schloma)[5]. קיינעם וועט דאָך נישט איינפאַלן צו זאָגן, אז אין זין פון שפּראַך זענען די רוסן געוועזן באַאיינפלוסט פונם הייפעלע יידן, וואָס האָבן צווישן זיי געוואוינט.

מיר מוזן דאָ אויך באַמערקן, אַז די יידן אינם ליטווישן קעניגרייך אין 15—16־טן יאָרה. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט אין אונדזער אַרטיקל „די ליטווישע יידן"[*] האָבן גאַנץ אָפט געטראָגן מאָנגאָלישע נעמען, און מ'וואָלט אויפן אייגענעם סמך געקאָנט אויך אַרויסדרינגען, אַז די ליטווישע יידן האָבן צו יענער צייט גערעדט אויף איינער פון די מאָנגאָלישע שפּראַכן.

אויך די ראיה (נומער 8) פון די קאַווקאַזער סובאָטניקעס איז לויט אונדזער מיינונג נישט קיין געלונגענע. פונם בריוו, וואָס דער מיטגליד פון דער דערמאָנטער סעקטע סימאָן לאַטישעוו האָט געשיקט צום קאַראַימישן חכם כאַרצענקאָ,[6] איז בשום אופן נישט צו דרינגען, אַז די דאָזיקע סעקטאַנטן זענען יידישע אַנוסים (אויב ס'איז בכלל מעגלעך אין היסטאָרישע אויספאָרשונגען זיך סומך צו זיין אויסשליסלעך אויף לעגענדן). מיר זענען מסכים מיטן ה' הרכבי, אַז די גרינדער פון דער סעקטע האָבן געמוזט זיין יידן. עס איז גאַנץ צו גלייבן, אַז די דאָזיקע סעקטאַנטן שטאַמען פון די

---

5) ז. הערטער־בוך פון די אַלט־רוסישע פּערזענלעכע נעמען פון טופּיקאָוו.

*) „דאָס נייע לעבן" 1912־1913 י. ניו־יאָרק.

6) „הכרמל" תרכ"ה, נומ. 15, ז. 121־122.

נאָווגאָראָדער און מאָסקווער „זשידאָווסטוואוויושטשי", וואָס האָבן נאָכדעם, ווי ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויף זייער סעקטע רדיפות, פאַרלאָזן נאָווגאָראָד, מאָסקווע, ווי אויך אַלע אַנדערע גרויסע צענטערן פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין ווייטע פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך, וואו זיי האָבן זיך געקאָנט באַפרייען פון דער גייסטלעכער אַפּוטרופּסות פון דער רעכט-גלייביקער קירך און לעבן אין פולקומער איינשטימונג מיט זייערע רעליגיעזע השגות.

די גרינדער פון דער סעקטע זענען געווען קיעווער אָדער טשערקעסער יידן, און די דאָזיקע יידן האָבן געוויס געמוזט קענען די רוסישע שפּראַך אין אַ מאָס, וואָס איז גענוג אויף צו קאָנען פאַרביידיקן זייער אמונה צווישן דער רוסישער באַפעלקערונג, אָבער דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז רוסיש איז געווען זייער מוטער-שפּראַך, ווי אויך די מוטער-שפּראַך פון אַלע איבעריקע יידן אין די סלאַווישע געגנטן.

וואָס איז שייך צו דער ידיעה, וואָס עס האָט געבראַכט דער היסטאָריקער צונץ, אַז אין פּארמער ביבליאָטעק געפינען זיך יידישע ספרים כתב-ידן אין דער פּוילישער שפּראַך, איז דאָך דער ה' הרכבי גופא מסופק דערין. אין דעם קאַטאַלאָג פון די יידישע ספרים און מאַנוסקריפּטן אין דער דערמאָנטער ביבליאָטעק, וואָס ס'האָט צונויפגעשטעלט דער געלערנטער גלח פּעראָ (Perrau) געפינען זיך נישט די ספרים, וואָס אויף זיי ווייזט אָן צונץ.

זייער וויכטיק אין דעם פּרט זענען די געפונענע אַלטע פּוילישע מטבעות, וואָס די אויפשריפטן אויף זיי זענען אין דער סלאַווישער שפּראַך, נאָר מיט יידישע אותיות. אָבער זיי קאָנען דאָך נישט דינען פאַר אַ גענוג זיכערן באַווייז, אַז סלאַוויש איז געווען די מוטער-שפּראַך פון די יידן אין די רוסישע געגנטן. מ'דאַרף געדענקען, אַז די כּוזרים, וואָס ביזן 10-טן יאָרה. האָבן זיי געהערשט איבער אַלע סלאַווישע שטאַמען פון מזרח-אייראָפּע און וואָס אונטער זייער הערשאַפט זענען געווען אונטערגעוואָרפן, ווי ס'ווילן האָבן אייניקע היסטאָריקער (גומפּלאָוויץ און אַנד.), אויך די פּוילן, האָבן באַנוצט דעם יידישן אַלף-בית. ס'איז, בכן גאַנץ מעגלעך, אַז די יידישע שריפט, וואָס עס האָבן באַנוצט די

הערשער פונם סלאַווישן מזרח, איז נישט געווען גאָר פרעמד די סלאַווישע רעגירונגען. ס'איז אפילו צו גלייבן, אַז די שריפט פונם כוזרישן הערשער איז אין דער צייט פון דער כוזרישער מאַכט געווען בײַ די אונטערדריקטע סלאַוון אַ מין „ערנשריפט". להיפוך די יידן האָבן לאַ די, וואס צו יענער צייט, נאָר אויך פיל שפּעטער אפילו אינם 16 יאָר ה. דאָס רוב נישט געקאָנט באַנוצן די רוסישע „אזבוקע". ס'איז, בכן, גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז די יידן, נישט וויסנדיק דעם סלאַווישן „אַלף־בית" האָבן, גיסנדיק די מטבעות, באַנוצט די יידישע שריפט, וואָס איז געווען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט די הערשנדיקע קלאַסן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. אמת, דאָס איז זייער וויכטיק, אַלס באַווייז, אַז נאָך אין 10 — 11 יאָרה. איז די יידן נישט פרעמד געווען דער געדאַנק פון צו באַ־נוצן יידישע אותיות פאַר אַ פרעמדער שפּראַך, און זיי האָבן אויך דעריבער פאַר דער רוסישער שפּראַך געקאָנט באַנוצן יידישע אותיות, אָבער דאָס קאָן נישט דינען פאַר אַ ראיה, אַז רוסיש איז געווען די מוטער־שפּראַך פון די יידן אין די סלאַווישע געגנטן.

ס'קאָנען, הייסט עס, קומען אין באַטראַכט די איבעריקע פינף ראיות. דערבײַ דאַרפן מיר אָבער באַמערקן, אַז די סלאַווישע ווערטער, וואָס באַגעגענען זיך בײַ ר' נתן בר' יחיאל פון רוים, (ראיה „א"), ווי ס'ווייזט זאָן ה' הרכבי גופא, קאָנען נישט באַווייזן, אַז סלאַוויש איז געווען די אומגאַנגשפּראַך פון ר' נתנס תלמידים פון די רוסישע געגנטן. אין ר' נתנס צייט זענען געווען געגרינדעט אין דרום־אייראָפּע בײַ די גרענעצן פון איטאַליע אייניקע סלאַווי־שע מלוכות, וואָס די איטאַליענישע יידן פלעגן קומען מיט זיי אין מסחר־באַרירונגען און האָבן דעריבער געמוזט מער אָדער ווײ־ניקער פאַרשטיין די סלאַווישע שפּראַכן. ר' נתנס תלמידים ווידער האָבן געקאָנט האָבן אַ וואָסער עס איז אַנדער מוטערשפּראַך, זיי האָבן אָבער דאָך פאַרשטאַנען סלאַוויש, די שפּראַך פון דער באַ־פעלקערונג, וואָס צווישן איר האָבן זיי געלעבט. סלאַוויש איז, בכן, געווען די שפּראַך, וואָס אויף איר האָט ר' נתן מיט זיינע סלאַווישע תלמידים זיך געקאָנט צונויפרעדן, און ס'פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אין דער שפּראַך האָט ר' נתן זיי איבערגעזעצט אייני־

קע האַרבע ערטער פון זייער לימוד. דאָס אייגענע וואָלט מען אפשר געקאָנט זאָגן אויך וועגן ר׳ יוסף קרא, וואָס איז אין זיינע פיל וואַנדערונגען געוויס געקומען אין באַרירונג אויך מיט סלאַוון און זיך באַקענט מיט דער סלאַווישער שפּראַך. נאָר די גרויסע צאָל סלאַווישע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין יוסף קראס כתבים, וואָס פידקאָוויטש האָט אַנטדעקט אין קרים, פעלן אין די כתבים, וואָס געפינען זיך אין פּאַריזער ביבליאָטעק, און דאָס ווייזט, אַז די דאָזיקע סלאַווישע ווערטער זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן פון די איבערשרייבער, וואָס האָבן איבערזעצט די האַרבע ווערטער אויף זייער מוטערשפּראַך, ווי אויך אויף דער שפּראַך פון די סלאַווישע יידן, פאַר וועמען זיי האָבן די דאָזיקע כתבים איבער-געשריבן. וואָס איז שייך צו רש״י, איז קיין ספק נישט, אַז אים איז געווען אומבאַקאַנט די סלאַווישע שפּראַך, און די עטלעכע סלאַווישע ווערטער, וואָס באַגעגענען זיך בײַ אים, זענען געוויס אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך זיינע תּלמידים, וואָס האָבן זיך די דאָזיקע ווערטער איבערגעזעצט אויף זייער מוטערשפּראַך.

מיר קאָנען זיך אויך מיט צוטרוי באַציען צו די עדות פון אבן כרדאָבאָדע (ראיה נומ. 9), אַז ער האָט נאָך אין 9 יאָרה. באַגעגנט יידן, וואָס רעדן רוסיש, הגם די ערשטע ידיעה וועגן יידן אין „קיעווער רוס״ באַגעגענען מיר ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 10 יאָרה. דער היסטאָריקער טאַטישצעוו דערציילט וועגן צוויי מלחמות צווישן די רוסן און כוזרים (967—965 יאָר), וואו די רוסן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן ניצחון איבער די כו-זרים, האָבן פיל פון זיי געפאַנגען און באַזעצט זיי אין די שטעט באַם טייך „רוס״ (דניעפּער)[7]. סאיז אָבער קיין ספק נישט, אַז די דאָזיקע שבוים זענען נישט געווען די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין די רוסישע געגנטן. ווי באַוואוסט איז דער האַנדלס-פאַרקער צווישן די כוזרים און סלאַוון געווען שטאַרק אַנטוויקלט נאָך אין 8—9 יאָרה. די הויפּטשטאָט פון די כוזרים איז געווען אין דער-זעלבער צייט אויך דער הויפּטהאַנדלסצענטער פאַר די סלאַווישע

7) История Россійскаго Государства“ 2 т. 392-93

סוחרים, און מ׳האָט דאָ תמיד געקאָנט טרעפן אַ גרויסע צאָל סלאַ־ווישע סוחרים, וואָס האָבן דאָ געהאַט זייערע לאַגערן, און עס פאַרשטייט זיך, ממילא, אַז אויך אין סלאַווישן האַנדלסצענטער קיעוו האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל כוזרישע סוחרים, וואָס צווישן זיי זענען, מסתּמא, געווען נישט ווייניק יידן אָדער יידישע גרים.

אָבער אויך אַ חוץ „קיעווער רוס" האָבן די יידן געקאָנט קומען אין נאָענטע באַציונגען מיט די סלאַוון. אין האנאדוורױע — אָדער ווי זי האָט זיך שפּעטער גערופן טמוטאראקאניא, — וואָס האָט זיך געפונען ביזן צענטן יאָרה. אונטער דער מאַכט פון די כוזרים — האָט פון אוראַלטע צייטן געלעבט אַ באַדייטנדיקע יידישע באַפעלקערונג. אין אָנהייב פון נײַנטן יאָרה. האָבן זיך דאָ באַזעצט אייניקע רוסישע שטאַמען און זענען געוואָרן מיט די יידן גאַנץ נאָענטע שכנים. די עדות פון אבן כאַרדאבאדע וועגן יידן, וואָס האָבן גערעדט סלאַוויש, וועט ווערן נאכמער גלייבלעך, ווען מיר וועלן דערמאָנען, אַז די יידן האָבן זיך באגעגנט מיט די טמוטאראקאנישע רוסן אין דעם פּעריאָד, ווען זיי, די יידן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע פּראָזעליטישע טעטיקייט אין דער כוזרי־שער מלוכה. אמת, אויך דאָ זענען נאָר אַ טייל כוזרים איבערגעגאַנ־גען צום יידישן גלויבן; אָבער דער פאַקט, וואָס דער כוזרישער הערשער מיט זיין הויף, אונטער וועמענס מאַכט ס׳זענען געווען אונטערגעוואָרפן אויך די טמוטאראקאנישע רוסן, האָבן געהערט צום יידישן גלויבן, האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן ווירקונג אויף דער שטעלונג פון די טמוטאַראַקאַנישע רוסן צו דער יידישער אמונה, און געוויס האָבן אייניקע פון זיי נאָכגעטון זייער הער־שער.

אָט די אַלע ראיות, וואָס זענען גענוג, לויט אונדזער מיי־נונג, אויף צו פאַרענטפערן די פראַגע וועגן דער שפּראַך, וואָס אויף איר האָבן די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין די רוסישע געגנטן גערעדט טיילווייז ביזן 16 יאָרה„ ד. ה. ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שטאַרקע עמיגראַציע פון די פּוילישע און מערב־איי־ראָפּעישע יידן אין ליטווישן קעניגרייך, געפינט אונדזער היסטאָ־

ריקער ש. דובנאָוו פאַר נישט איבערצייגנדיק. אָפּלייקענען די שפּראַך-אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן אין די סלאַווישע געגנטן, זאָגט דובנאָוו, קאָנען נאָר די, וואָס איגנאָרירן באַוואוסטזיניק די צאָלרייכע יידישע דאָקומענטן און רבנישע ש״ות, אָדער וואָס זענען נישט באַקאַנט מיט דער העברעישער שפּראַך און קאָנען, בכן, אָט דעם מין ליטעראַטור נישט באַנוצן[8]). דערביי האָט אָבער ש. דובנאָוו פאַרגעסן, אַז דער ערשטער און איינציקער, וואָס האָט ערנסט און וויסנשאַפטלעך באַטראַכט די דאָזיקע פראַגע, איז הרכבי, וואָס איז דווקא אויפן סמך פון דער רבנישער ליטעראַטור און ש״ות געקומען צו דער מתקנא, אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין די רוסישע געגנטן האָבן שפּראַכלעך זיך אַסימילירט מיט די סלאַוון, און די שפּראַך-אָפּגעזונדערטקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין די רוסישע געגנטן נישט פריער פון סוף 16 יאָרה. די ווערטער פונם ר״ם (ר׳ מאיר כ״ץ) — כי זה המנהג נתפשט בארצנו שבני בריתנו היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא... אם יתן ה׳ ותמלא הארץ דעה ידברו כולם שפה אחת, לשון אשכנז... זאָגט ווייטער ה׳ דובנאָוו, דאַרף אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין, אַז די יידן אין די רוסישע געגנטן פון פוילן האָבן א חוץ זייער יידיש-דייטשער שפּראַך, געקענט אויך די רוסישע שפּראַך, וואָס אין איר פלעגן זיי זיך צונויפרעדן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און אַז ר׳ מאיר האָט געוואָלט, אַז די יידישע שפּראַך זאָל זיין באַ זיי די איינציקע, ווי למשל, אין די צענטראַלע געגנטן פון פוילן.[9]) נאָר ערשטנס, לאָזן זיך ר׳ מאירס ווערטער, ווען מען זאָל זיי נעמען פשוטו כמשמעו, בשום אופן נישט אויסטייטשן, ווי ס׳וויל האָבן ה׳ דובנאָוו. די ווערטער „בני בריתנו היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא״ קאָן אַנדערש נישט אויסגעטייטשט ווערן, ווי, אַז דער רוב פ׳ן די יידן פון יענער געגנט (ס׳האַנדלט זיך וועגן רייסין) רעדן רוסיש, און צווייטנס, איז בשום אופן נישט צו פאַרשטיין ר׳ מאירס וואונטש, אַז די יידן

---

8) „Еврейская Страна“ 1909 1 т., 24

9) דאָרט ז. 23.

זאָלן פאַרשטיין נאָר יידיש און נישט די שפּראַך פון דער אַרומי-
קער רוסישער באַפעלקערונג, וואָס פון איר ציען זיי זייער חיונה.
און צי דען האָבן די יידן אין די צענטראַלע געגנטן פון פּוילן
נישט פאַרשטאַנען די שפראַך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג?

זייער וויכטיק איז אין דעם פּרט דאָס, וואָס ר׳ מאיר כּץ
באַצייכנט די יידן, וואָס „רעדן רוסיש און רופן דעריבער די
שטאָט בריסק ברעסט״ (רובם מדברים בלשון רוסיא וקוראים לעיר
בריסק — ברסטא) מיט די ווערטער „בני בריתנו היושבים בקרבנו״
(אונזערע גלויבנסגענאָסן, וואָס לעבן צווישן אונדז). וואָלט
דען מעגלעך געווען אַזאַ מין אויסדרוק בנוגע צו אַ רעליגיעז-
און שפּראַכלעך-איינהייטלעכער יידישער מאַסע? ווער
צווישן ווען וואָלט דאַן געלעבט? צי איז דען נישט קלאָר, אַז
אין דעם פּרט ווערן קעגנגעשטעלט צוויי טיילן פון דער יידישער
באַפעלקערונג, וואָס אונטערשיידן זיך איינע פון דער צווייטער?

אין וואָס באַשטייט דער חילוק צווישן די ביידע טיילן פון דער
ייד. באַפעלקערונג אין דער געגנט, וועגן וועלכער ס׳האַנדלט זיך
אין דער דערמאָנטער שו״ת? אויף דעם איז אין דער שו״ת
גופא דאָ אַ זייער קלאָרער און דייטלעכער ענטפער. „בני בריתנו
היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא״ (דער רוב פון אונ-
דזערע גלויבנסגענאָסן רעדן אויף רוסיש) און דאָס איז דער הויפּט-
חילוק צווישן די, וואָס ר׳ מאיר רופט אָן „בני-בריתנו״ און דער
איבעריקער יידישער באַפעלקערונג, צו וועלכער ס׳האָט אויך גע-
הערט ר׳ מאיר כּץ אַליין. דער דאָזיקער חילוק איז אָבער נישט
דער איינציקער: די אָרטיקע, די יידישע תּושבים פון ליטע און
רייסין האָבן זיך אונטערשיידט נאָך אין 16 און טיילווייז אין 17
יאָרהונדערט — פון דער פּוילישער און מערב-אייראָפּעישער יידי-
שער אימיגראַציע נישט בלויז מיט זייער אומגאַנגס-שפּראַך, נאָר
אויך מיט זייערע קליידער, מנהגים, באַציונג צו דער אַרומיקער
קריסטלעכער באַפעלקערונג, מיט זייער רעכט-באַוווסטזיין,*) און

*) זע מיין אַרטיקל „די יידן אין ליטווישן קעניגרייך״, דאָס נייע
לעבן, 1912-1913

דבריבער טאַקע האָבן אַפילו די, וואָס האָבן זיך שוין שפּראַכלעך אַסימילירט מיט די אָנגעקומענע יידיש־רעדנדיקע יידן, זיך אין אַ געוויסער מאָס נאָך אָפּגעטיילט פון דער יידישער מערב־אייראָפּע־ישער עמיגראַציע, און זיי ווערן צוליב דעם בּאַ ר׳ מאיר כּץ באַ־צייכנט מיטן נאָמען „בּני בּריתנו״ אין קעגנזאַץ צו „אחינו בּני ישראל״ אָדער סתם יהודים, ישראלים און דגל. דאָס וואָרט „בּני בּריתנו״ אַליין ווייזט שוין אָן אויף אַ געוויסן חילוק און קעגנ־שטעלונג פון צוויי און עפּעס־וואָס פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג (אונדזערע גלויבנס־גענאָסן — אַ חוץ דער שפּראַך־פאַרשיידנקייט קאָן אַזאַ מין אויסדרוק געבּרויכט ווערן אָדער צו גרים אָדער צו יידן פון אַן אַנדער מדינה), ווייל ווי ס׳איז צו זען פון דער דערמאָנטער שו״ת פון ר׳ מאיר כּץ ווערט מיטן נאָמען „בּני בּריתנו״ באַצייכנט אַ גרעסערע גרופּע, ווי די, וואס רעדט רוסיש („בּני בּריתנו היושבים בּקרבּינו רובּם מדבּרים בּלשון רוסיא״),—נישט דער רוב יידן בּכלל, נאָר בּלויז די מערהייט פון די „בּני בּריתנו״ האָט גערעדט רוסיש.

אין זיין שפּעטערדיק אַרטיקל*) זאָגט זיך שוין אָפּ דובּנאָוו פון זיין פריערדיקער אויסטייטשונג פון דער געבּראַכטער פראַזע באַ ר׳ מאיר כּץ און איז שוין מסכּים, אַז דאָס הייסט פּשיטו כּמשמעו, אַז אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רייסין האָט גערעדט רוסיש, אַלס מוטערשפּראַך, ער בּאַציט זיך אָבער מיט אַ גרינגשעצונג צו די עדות פון דעם דערמאָנשן רבּנישן אוי־טאָריטעט, באַהויפּטנדיק, אַז ער — ר׳ מאיר כּץ פון מאָהילעוו — „האָט אַ בּיסל מגזם געווען אין יענער פראַזע״, וואו ער רעדט וועגן די יידן, וואָס רעדן רוסיש, אַלס מוטערשפּראַך.

נאָר וואָס הייסט אין דעם כּרט „אַ בּיסל מגזם געווען״? הייסט עס, אַז די רוסישע שפּראַך אין אָנהייבּ 17 יאָרהונדערט — אין דער צייט פון ר׳ מאיר כּץ — איז געווען, אַלס מוטערשפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַ ווייניקער מאַסנהאַפטע ערשיי־

---

*) אין „פּנקס״ ווילנע תרע״ג, א תשובה אויף מיין ארטיקל אינם זעלבן „פּנקס״.

נוגג, ווי עס איז צו דרינגען פון ר׳ מאיר כץ׳ס ווערטער און נישט דער רוב פון די בני בריתנו, נאָר בלויז אַ טייל פון זיי האָבן גערעדט אויף רוסיש, — דאַן איז אייגנטלעך אין דעם פּרט נישטאָ צוליב וואָס צו דיסקוטירן, ווייל פאַר אונדז איז נישט וויכטיק ד, אַבסאָלוטע צאָל יידן, וואָס האָבן נאָך אין אָנהייב 17 יאָרהונ-דערט גערעדט רוסיש, אַלס מוטערשפּראַך, פאַר אונדז איז בלויז וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז רוסיש, אַלס אומגאַנגסשפּראַך פון אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די סלאַווישע געגנטן, איז געווען אַ מער אָדער ווייניקער מאַסנהאַפטע ערשיינונג נאָך אין אָנהייב 17 יאָרהונדערט און דאָס ווערט דאָך באַשטעטיקט מיט דער דערמאָנטער פראַזע, אפילו אין דעם פאַל, אויב ר׳ מאיר כץ האָט „אַ ביסל מגזם געווען״.

אָדער אפשר מיינט דובנאָוו מיט די אויבנגעבראַכטע ווער-טער („אַ ביסל מגזם געווען״), אַז די די גאַנצע מעשה וועגן יידן מיט אַ רוסישער אומגאַנגס-שפּראַך, אַלס מאַסנהאַפטע ערשיינונג, איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך פון ר׳ מאיר כץ? דאַן דאַרף דוב-נאָוון געשטעלט ווערן די פראַגע, אויפן סמך פון וועלכע דאָקו-מענטאַלע אָדער לאָגישע ראיות האָט ער געפונען פאַר נייטיק און מעגלעך צו פסלענען די עדות פון אַזאַ אויטאָריטעטער פער-זענלעכקייט, ווי ר׳ מאיר כץ? בלויז דערפאַר, וואָס ער אַליין „ברענגט אין ש״ות גבורת אנשים גבית עדות פון יידן אויף יידיש״? ר׳ מאיר כץ האָט דאָך קיינמאָל נישט באַהויפּטעט, אַז אַלע יידן (אויף די מערב-אייראָפּעישע אימיגראַציע, וואָס האָט שוין אין זיין צייט געשפּילט די הויפּטראָלע אינם יידישן לעבן פון ליטע און רייסין) האָבן גערעדט רוסיש אַלס אומגאַנגס-שפּראַך. ער האָט דאָך בלויז גערעדט וועגן די „בני-בריתנו״, אָבער אויך וועגן זיי האָט ער דערציילט, אַז נישט אַלע, נאָר בלויז דער רוב פון זיי געברויכט רוסיש אַלס אומגאַנגס-שפּראַך — וואו זשע איז די סתירה צווישן זיין פראַזע „כי בני בריתנו היושבים בקרבנו רובם מדברים בלשון רוסיא״ אין דער געבראַכטער יידישער גבית-עדות?

קיין אַנדערע טעמים צו פסלענען די עדות פון ר׳ מאיר כץ

ברענגט אָבער דובנאָוו נישט, און דעריבער בלייבן מיר באַ אונ־דזער פריערדיקער מיינונג, אַז דאָס איז איינער פון די וויכטיק־סטע דאָקומענטן און באַווייזן, אַז נאָך אין אָנהייב 17 יאָרהונדערטס זענען רוסיש־רעדנדיקע יידן געווען אַ גאַנץ אָפטע ערשיינונג אין ליטע און רייסין. בפרט נאָך, אַז די דאָזיקע עדות איז צוזאַמענגע־בונדן מיט אַ וויכטיקער רעליגיעזער פראַגע, וואו די רבנים זענען באַזונדערס פינקטלעך און גענוי. ר׳ מאיר האָט זיך, ווי אַלע אַנ־דערע רבנים, געוויס שטאַרק אָפּגעהיט פון יעדער גוזמא, באַזונ־דערס ווען ס׳רעדט זיך וועגן אַ לעבנס־ערשיינונג, וואָס איז צוגענ־גלעך פאַר יעדן באַאָבאַכטער. מיר מיינען דעריבער, אַז דער דער־מאָנטער דאָקומענט איז אויף אַזוי פיל וויכטיק און איבערציי־גנד, אַז מ׳וואָלט זיך אויף אים אַליין בשעת הדחק (ווען קיין אַנדערע באַווייזן וואָלטן נישט געווען) זיך געקאָנט פאַרלאָזן.

וואָס אָנבעלאַנגט די צווייטע עדות פון שך (ש״ות גבורות אנשים) וועגן דעם יידן פון ווילנא, וואָס האָט מקדש געווען אַ מיידל אויף רוסיש און האָט דערביי געזאָגט „יאַ איססטים טביאַ מקדש ביל״, ווי אויך וועגן דער ידיעה פון ר׳ יואל סירקיש (ב״ח) וועגן אַ יידן פון מעדזשיבודזש, וואָס האָט זיין גבית עדות גע־געבן אויף רוסיש, מיינט דובנאָוו, אַז דאָס זענען געווען יוצא מן הכלל, אַז דאָס זענען דאָרף־יידן (ישובניקעס) וואָס, זייענדיק להלוטין אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה, האָבן זיי געקאָנט אויך פאַרגעסן יידיש און אָננעמען די שפּראַך פון דער אַרומיקער סלאַווישער באַפעלקערונג. צו דען, באַמערקט ווייטער ה׳ דובנאָוו, האָט מען אינם 19־טן יאָרה., ווען די שפּראַך־אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג וועט שוין קיינער נישט קאָנען אָפּלייקענען, נישט געקאָנט טרעפן קיין יידישע ישובניקעס, וואָס האָבן נישט געוואוסט די דייטשע שפּראַך? טרעפן מיר זיך דען נישט אויך איצט מיט אַ געוויסער צאָל יידן, וואָס האָבן זיך שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, הגם די גאַנצע יידישע מאַסע אין רוסלאַנד רעדט נאָר יידיש?

ש. דובנאָוו פאַרגעסט אָבער, אַז צו יענער צייט איז אפילו דער יידישער ישובניק נישט געווען שטאַרק אָפּגעריסן פון דער

יידישער סביבה. מיט טויזנטער פעדעם איז ער צוגעבונדן געווען צו דער יידישער קהילה פון דער נאָנטער שטאָט. פאַר דעם יידישן קהל האָט ער זיך געדאַרפט משפטן, דער יידישער קהלה האָט ער געמוזט צאָלן זיינע צינזן, אָן איר דערלויבניש האָט ער זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, אפילו אין עקאָנאָמישן לעבן איז ער אָפטמאָל לחלוטין געווען אָפּהענגיק פון דער יידישער קהילה; דער „קהל" האָט געשיצט זיין חזקה אויף דער שענק אָדער מיל, וואָס ער האָט אַרענדירט, ער האָט אים אויך אָפּגעהיט אין אַ געוויסער מאָס פון דער קאָנקורענץ מצד די איבעריקע יידן, האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע אין פאַל פון אַ סיכסוך צווישן ישובניק און פּריץ, — הכלל, וואו דער ייד זאָל נישט וואוינען, וואָס ער זאָל נישט טון, איז ער אַלעמאָל געווען עקאָנאָמיש, יורידיש און קולטורעל צונויפגעבונדן מיט טויזנטער פעדעם און אָפּהענגיק פון דער יידישער קהלה, צו וועלכער ער האָט טעריטאָריאַל געהערט, און האָט דעריבער בשום אופן נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם קולטורעל-שפּראַכלעכן איינפלוס פון דער יידישער געמיינדע אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל לחלוטין פאַרגעסן די יידישע שפּראַך.

און נאָך אַ זאַך: אויב די אויבנדערמאָנטע צוויי יידן, וואָס איינער פון זיי האָט מקדש געווען אַ מיידל אויף רוסיש און דער צווייטער האָט זיין גבית עדות פאַרן בית-דין געגעבן אויף רוסיש, זענען ווירקלעך געווען ישובניקעס, ווי עס וויל האָבן דובנאָוו דאַן האָבן זיי געדאַרפט וואוינען ערגעץ-וואו אין פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, ווייט פון אַ באַדייטנדן יידישן ישוב, ווייל נאָר דאַן האָט עס געקאָנט מעגלעך זיין, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן זייער יידישע שפּראַך. דאַן אָבער וואָלטן די ש"ות, וואָס באַצייכענען אַלע מאָל דעם וואוינאָרט פון די עדות-זאָגער, אויך אָנגעוויזן זייער *פאַקטישן* וואוינפּלאַץ, אָדער לכל הפחות אָנגעוויזן, אַז זיי זענען „סמוך" צו דער אָדער יענער יידישער קהלה, לויטן אָנגענומענעם מנהג. אין די ביידע אונדזערע פאַלן ווערט אָבער אָנגעוויזן, אַז איינער איז פון ווילנע און דער צווייטער פון מעדזיבוזש, אַלזוי, ס'קאָן זיך בשום אופן נישט האַנדלען, וועגן יידישע ישובניקעס פון ערגעץ-וואו

פאַרוואָרפענע דערפער, ווי ס׳וויל פאַרזיכערן דובנאָוו. גיכער פון אַלץ האָבן מיר דאָ צו טון מיט מיטגלידער פון דעם טייל יידישער באַפעלקערונג אין די רוסישע געגנטן, וואָס ווערט באַ ר׳ מאירן באַצייכנט מיטן נאָמען „בני בריתנו״, ד. ה. אָרטיקע, נאָכגעקומענע פון דער ערשטער מזרחישער יידישער קאָלאָניזאַציע, וועמעס אומגאַנגס־שפּראַך איז געווען, לויט די עדות פון דעם דערמאָנטן ר׳ מאיר, רוסיש.

אויף די אַלע איבעריקע ראיות פון הרכבי האָט ש. דובנאָוו גאָרנישט געענטפערט, הגם צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע צוויי וויכטיקע באַווייזן, ווי די סלאַווישע ווערטער באַ פיל יידישע מחברים און מפרשים, ווי אויך די עדות פון אבן כורדאבאדע, אַז אינם 9־טן יאָרה. האָט ער באַגעגנט יידן, וואָס האָבן גערעדט סלאַוויש.

דער ה׳ דובנאָוו ברענגט אויך אַ גאַנצע ריי דאָקומענטן (האַנדלס־אָפּמאַכונגען, כרוזים א. אַז. וו.) פונם 15 און 16 יאָרה., און ער גיט צו, אַז ער וואָלט קאָנען ברענגען נאָך כהנה וכהנה. אָבער וואָס זאָגן די דאָזיקע דאָקומענטן? צוערשט מוזן מיר באַמערקן, אַז פון די אַלע דאָקומענטן האָט נאָר אַ קליינער טייל פון זיי א שייכות צו ליטע און רייסן. דער רוב פון זיי און דערביי די עלטסטע (פונם 16־טן יאָרה.) זענען שייך צו פוילן. אָבער וואָס אנבעלאַנגט צו פוילן איז דאָך קיינער נישט מסופק, אַז שוין זייער לאַנג — אַלנפאַלס פאַרן 16־טן יאָרה. — הערשט באַ די יידן די יידיש־דייטשישע שפּראַך, — די פראַגע איז נאָר וועגן ליטע און אַנדערע רוסישע געגנטן. קיינער (אַ חוץ בערשאַדסקי) לייקנט דאָך נישט אָפּ, אַז די אַשכנזישע יידן האָבן קיינמאָל נישט פאַרביטן זייער יידיש־טייטש אויף סלאַוויש. די פראַגע, ווען איז די יידיש־דייטשישע שפּראַך געוואָרן די אַליינהערשנדיקע באַ דער יידישער באַפעלקערונג פון ליטע און די איבעריקע סלאַווישע געגנטן (אַ חוץ צענטראַל פוילן) איז ענג צוזאַמענגעבונדן מיט אַ צווייטער פראַגע, ווען האָט זיך אָנגעהויבן אין ליטע און רייסן די גרויסע יידישע מערב־איראָפּעישע איינוואַנדערונג, וואָס איז אויך געווען אין דער זעלבער צייט דער אָנהייב פון דער שפּראַכלעכער צוזאַמענגיסונג פון דער אָרטיקער יידישער באַפעל־

קערונג מיט דער איינגעוואַנדערטער יידיש-רעדנדיקער מאַסע און ווען האָט דער דאָזיקער פּראָצעס פון שפּראַכלעכער צוזאַמענגיסונג צווישן דער איינגעזעסענער יידישער באַפעלקערונג און צאָלרייכער יידישער מערב-אייראָפּעישער עמיגראַציע דערגרייכט צו זיין ענד-פונקט, אַלס מאַסן-ערשיינונג.

באַ איצטיקן מאָמענט ספקט שוין קיינער נישט אין דעם, אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניזאציע אין די סלאַווישע געגנטן האָט געשטראָמט נישט פון מערב-אייראָפּע, נאָר פון מזרח און דרום. אין דעם צווייפלט אויך נישט דובנאָוו. אז די יידן, וואָס זענען אַהער געקומען פון כוזרים-לאַנד, קאַווקאַז אָדער האַלב-אינזל קרים, וואו ס'איז נישט געווען קיין דייטש-רעדנדיקע באַפעלקערונג, האָבן נישט געקאָנט האָבן, אַלס אומגאַנג-שפּראַך, דייטש, אַלזוי אויך יידיש-דייטש, איז, פאַרשטייט זיך, איבעריק צו דערווייזן.

די ערשטע צוויי מערב-אייראָפּעישע אימיגראַציע - כוואַליעס האָבן כמעט נישט באַרירט די געגנטן ליטע, רייסין, ווי אויך די מער דרומדיקע און מזרחדיקע סלאַווישע געגנטן און האָבן זיך אָבגעזעצט בלויז אין צענטראַל פּוילן. אין 16-טן יאָרה. האָט דאָס ליטווישע קעניגרייך, וואָס האָט צו יענער צייט אַרומגענומען כמעט אַלע רוסישע געגנטן, וואו יידן האָבן געוואוינט, געציילט אַ יידישע באַפעלקערונג פון אַן ערך 24.000—30.000 מאַן [10]), און דאָס וואָלט אוודאי געווען אוממעגלעך, ווען די ערשטע צוויי מערב-אייראָפּעי-שע עמיגראַציע-כוואַליעס וואָלטן דערגרייכט אַזש ביז ליטע. אין משך פון הונדערטער יאָרן פונם מאָמענט, ווען וויטאָווט האָט גע-ענקען די פּריווילעגיעס די טראָקער, ברעסטער און גראָדנער יידן, איז נישט צו באַמערקן קיין שום אַנטוויקלונג אינם שטאָטישן לעבן פון ליטע. אַפילו אַזעלכע אַלטע שטעט, ווי ווילנע און טראָק, קאָ-נען אייגנטלעך אויך נישט פאַררעכנט ווערן פאַר שטעט אין מערב-אייראָפּעישן זין פון וואָרט [11]). ס'פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַזעלכע

---

10) זע מיין אַרטיקל: „О количествѣ еврейскаго населенія в Литвѣ во вторую половину 16 столѣтія“ „Еврейская Старина“ Петроград 1915 кн. I'

11) Бершадскій „Литовскіе евреи стр. 247—248

אומגינסטיקע באַדינגונגען האָט ליטע נישט געקאָנט צוציען צו זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מערב-איירָאָפּעישע יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען דער עיקר מיט האַנדל, און אָן דער דאָזיקער עמיגראַציע האָט דאָך אויך נישט געקאָנט אַריינדרינגען די יידישע שפּראַך אין די רוסישע געגנטן. ערשט אין 16-טן יאָרה. באמערקט זיך אין ליטע אַ צופלוס פון מערב-איירָאָפּעישע יידן, און דאָס איז אויך צו זען דערפון, וואָס אין די דאָקומענטן הייבן זיך אָן אין דער צווייטער העלפט פונם 16-טן יאָרה. אַלץ אָפטער און אָפטער צו באַגעגענען די ספּעציעל יידיש-אַשכנזישע נעמען.[12] די דאָקומענטן, וואָס עס ברענגט ה׳ דובנאָוו — אויך אין די רוסישע מקורים האָבן מיר באַגעגנט דאָקומענטן, וואָס זענען געשריבן „פּאָזשידאָווסקי״[13] — ווייזן נאָר, אַז שוין אין דער צווייטער העלפט פונם 16 יאָרה. האָט זיך אין פיל שטעט פון די רוסישע געגנטן געפונען אַ מער אָדער ווייניקער צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט, נאַטירלעך, גערעדט יידיש. אָבער דאָס לייקנט נאָך נישט אָפּ די מיינונג, אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן פון די רוסישע געגנטן, וואָס זענען געקומען אַהער פון די מזרח-לענדער, האָבן זיך שפּראַכלעך צונויפגעגאָסן מיט דער סלאַווישער באַפעלקערונג און האָבן ביזן 16 יאָרה. און אויך טיילוויז אין אָנהייב פון 17-טן יאָרה., ד. ה. ביז וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אימיגראַציע פון אַשכנזים אין ליטע — גערעדט סלאַוויש.

צו די אויבנגעבראַכטע ראיות פונם ה׳ הרכבי, אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין די רוסישע געגנטן האָבן אָנגענומען די רוסישע שפּראַך, וואָס אויף איר האָבן זיי גערעדט ביזן 17 יאָרה. וועלן מיר נאָך צוגעבן נאָך ווייטערס:

ווי באַוואוסט, האָבן די סלאַוון געהאַט זייער ווייניק ספּעציעלע פּרויען-נעמען. זייער אָפט שאַפן דעריבער די סלאַוון זייערע ווייבלעכע נעמען פון די מענער-נעמען דורך דער אומבייטונג פון

---

12) זע מיין אַרטיקל „די יידן אין אַלטן קעניגרייך ליטע״, „דאָס נייע לעבן״ ניו-יאָרק 1912 און 1913 יאָר

13) Бершадскій „Русско-еврейскій архив I и II тт.

די ענדונגען e, o, ъ אויף я, a. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די ליטווישע יידן, וואָס האָבן ביזן 16־טן יאָרה. געטראָגן גאַנץ אָפט (אפשר אָפטער איידער העברעישע) סלאַווישע נעמען, פלעגן שאַפן זייערע פרויען־נעמען אויפן אַלגעמיינעם סלאַווישן שטייגער. אַזוי, למשל, צוזאַמען מיט די סלאַוון בילדן אויך די ליטווישע יידן פונם מאַנסבילשן נאָמען „באָגדאַן" — א גאַנץ אָפטער נאָמען באַ די ליטווישע יידן אין יענער צייט — דעם ווייבערשן נאָמען „באָגדאנא". אָבער וויכטיק איז, וואָס אויך פון די העברעישע מאַנסבילשע נעמען פלעגן די ליטווישע יידן מאַכן ווייבערשע נעמען אויפן אַלגעמיינעם סלאַווישן שטייגער — דורך דער ענדערונג פון דער נאָמען־ענדונג אויף: я, a. אַזוי, צום ביישפיל, האָבן זיי פון די העברעישע מענער־נעמען משה און כאצקל (דאָס איז אַ פאַרגרייזטער נאָמען פון יחזקאל אָדער יחזקיה — באַ דער רוסישער באַפעלקערונג באַגעגנט מען דעם נאָמען נישט) געבילדעט די פרויען־נעמען „מאַשאַ" און „כאצקא"[14]) און דאָס, נאַטירלעך, איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען אין דער שפראַך, וואָס אויף איר האָבן על פי רוב גערעדט די יידן אין ליטע אין 16 יאָרה. איז די ענדונג a געווען אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פאַרן ווייבלעכן מין. פון אַלע מזרח־אייראָפעישע שפראַכן האָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט נאָר די סלאַווישע שפראַך.

צווישן די פיל דאָקומענטן, וואָס זענען געזאַמלט דורך פראָפעסאָר בערשאַדסקי אין זיין „רוסקאָ־יעווריסקי אַרכיוו", האָבן מיר געפונען א בריוו פונם געוועזענעם „מיטניק" (אַרענדאַטאָר פון די צינזן) דאנקאָ יעסקאָוויץ צום „מיטניק" מיכאל יעזאָפאָוויץ וועגן די וועגן אין ליטווישן קעניגרייך.[15]) מחמת זיין וויכטיקייט האָט דער קעניג געהייסן אַריינצושרייבן דעם בריוו אין די שטאַטס־ביכער (דאָ קניגי אופיסאַטי), אָבער אין דער פאַראָרדנונג איז נישט דערמאָנט געוואָרן וועגן איבערזעצן דעם בריוו אויף רוסיש (פאָ רוסקי פערעלאָזשיטי). דער בריוו איז אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן

---

14) דאָרט באַנד II נום. 286—197.

15) דאָרט באַנד III נום. 66.

אין די ביכער גאַנצערהייט מיט אַלע זיינע פּריוואַטע שטעלן, און דאָס ווייזט אָן אַ ספק, אַז ער איז אַריינגעשריבן אין די ביכער אין דער פאָרם און שפּראַך, אין וועלכער ס'האָט אים געשריבן זיין אויטאָר — דאנקאָ יעסקאָוויץ, ד. ה. אַז דאָס דורכשרייבן זיך פון די צוויי אויבנדערמאָנטע יידן איז געווען אויף רוסיש. מ'קאָן אָפּפרעגן, אַז דיביידע דערמאָנטע יידן זענען געווען „מיטניקעס", וואָס האָבן צוליב זייערע געשעפטן מיט דער רעגירונג געמוזט קענען די רוסישע שפּראַך און זיי האָבן, בכן, געקאָנט אויך זייער קאָרעספּאָנדענץ פירן אין רוסיש, אָבער דאָס איז כּלל קיין ראיה נישט, אַז רוסיש איז געווען זייער מוטער=שפּראַך, ווי אויך די מוטער=שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע.

וועלן מיר זיך ווענדן צו די עדות פון אַנדערע דאָקומענטן.

אין די אַקטן=ביכער פונם קיעווער צענטראַל=אַרכיוו געפינט זיך אַ מעלדונג פונם ייד יחנא, אַז ער האָט באַקומען אַרויסגעטיילט זיין חלק ירושה און ער זאָגט זיך אָפּ אויף להבא פון אַלע תּבועות צו זיינע ברידער, און וועגן דעם האָט ער זיי אַרויסגעגעבן אַ כּתב „זשידאָווסקים פּיסמאָם פּיסאַני".[16]). וואָס איז דער טייטש „זשידאָווסקים פּיסמאָם פּיסאַני"? אין מאָסקווע פלעגט דאָס וואָרט פּיסמאָ בלויז אין זייער זעלטענע פאַלן געברויכט ווערן אין זין פון שפּראַך. אַזוי, צום ביישפּיל, אין דער „גראַמאָטאַ" צום רוימישן אימפּעראַטאָר מאַקסימיליאַן געברויכט יאָאַן וואַסיליעוויטש די ווערטער „רוסקאָיע פּיסמאָ" אָנשטאָט „פּאָ רוסקי".[17]) ס'איז אָבער קיין ספק נישט, אַז אין די רוסישע געגנטן פון פוילן זענען די ווערטער „רוסקאָיע פּיסמאָ" קיינמאָל נישט געברויכט געוואָרן אין זין פון שפּראַך. אין פוילישן קעניגרייך פלעגן זיך די אָפיציעלע דאָקומענטן שרייבן אויף דרייערליי אופנים: מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן (לאַטינסקים פּיסמאָם), אין דער לאַטיינישער שפּראַך (פּאָ לאַטיני) און ענדלעך אין רוסישער שפּראַך (פּאָ רוסקי), אַזוי אַז די ביידע באַגריפן — פּאָ לאַטיני און לאַטינסקים פּיסמאָם (אָדער

16) דאָרט באַנד I נומ. 212.

17) Памятники дипломат. отношенiй Европейской Руси I т. стр, 41. Сборник Государ. грамот и договоров, хранящихся в кол. иностран. дѣл т. II № 81 стр, 307.

אין אונדזער פאַל „זשידאָווסקים פיסמאָם״ און „פּאָ זשידאָווסקו״) האָבן נעמוזט זיין געגוי פונאַנדערגעטיילט, און די געריכטן האָבן זיך נישט געקאָנט טועה זיין און פאַרבייטן איין באַגריף מיטן צווייטן, און „זשידאָווסקים פיסמאָם פּיסאַני״ קאָן נאָר באַדייטן, אַז דער דאָקומענט איז געווען געשריבן מיט יידישע אותיות.

דער דאָקומענט איז נישט קיין איינציקער. אין יאָר 1569 האָט די אַלמנה פון איינעם שמואל (שמאילא) געמאָלדן דעם ברעַ-סטער שטאָט-געריכט, אַז דאָס הויז, וואָס מ'וויל אָפּשרייבן פאַר די חובות פון איר מאַן, געהערט צו איר, ווייל איר מאַן האָט עס איר אַריינגעשריבן אין די תנאים (вѣно), וואָס זענען געשריבן „זשי-דאָווסקים פיסמאָם״, און אַז דאָס געריכט האָט זיך געוואָלט מיט דעם שטר באַקענען, האָט ער עס נישט געהייסן איבערזעצן אין רוסיש (פּאָ רוסקי פּערעלאָזשיטי), נאָר בלויז איבערשרייבן מיט רוסישע אותיות (נאַ רוסקאָיע פּיסמאָ פּערעלאָזשיטי).[18] פאַר די, וואָס וועלן דאָך מסופק זיין, צי „זשידאָווסקי פּיסמאָ״ דאַרף אויס-געטייטשט ווערן נישט אין זין פון שפּראַך, נאָר אין דעם זין, אַז די דאָקומענטן זענען געשריבן געווען בלויז מיט יידישע אותיות, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיקן פאַקט: אינם זעלביקן יאָר (1569) [19] האָט איינער ליפּמאַן דערלאַנגט אין געריכט אַ געלט-תּבֿועה צו די יורשים פון געשטאָרבענעם ברודער און האָט דערביי צוגעשטעלט אַ וועקסל, וואָס איז געשריבן מיט זיין — ליפּמאַנס — אייגענער האַנט און בלויז געחתמעט פון זיין ברודער. די יורשים האָבן דאָס וועקסל נישט געוואָלט אָננעמען, טענהנדיק, אַז זייער פאָטער האָט אים אַרויסגעגעבן אַ ריינעם בלאַנק און ער אַליין האָט אים אויס-געפולט. דערויף ענטפערט ליפּמאַן, אַז דער ברודער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן קיין אונטערגעחתמעטן ממרון (וועקסל-בלאַנק ב. ר.) אָן אַן אויפשריפט אויף דער צווייטער זייט מיט יידישע אותיות (ליטעראַמי זשידאָווסקימי), אַז דאָס איז אַ ממרון.

בכן, די יידישע דאָקומענטן פלעגן ווערן געשריבן

---

18) Русско-еврейскій архив т. II №

19) דאָרט באַנר 2 נומ. 303.

מיטן יידישן אַלף־בית. אָבער אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך פלעגט מען זיי שרייבן? פון די אויבנגעבראַכטע דאָקומענטן איז קענטיק, אַז זיי זענען געשריבן מיט יידישע אותיות (זשידאָווסקים פיסמאָם, זשידאָווסקימי ליטעראַמי) און פון דעם איז צו דרינגען, אַז בלויז מיט זייער שריפט און נישט מיט זייער שפּראַך פלעגן זיך אונטערשיידן די יידישע דאָקומענטן פון די אַלע איבעריקע, דאָס הייסט, אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן אין דער סלאַווישער שפּראַך. אַז דאָס געריכט וויל זיך באַקאָנען מיט אַ יידישן דאָקומענט, הייסט ער אים בלויז איבערשרייבן מיט סלאַווישע אותיות און דאַן ווערט ער פאַרשטענדלעך דעם געריכט, וואָס, פאַרשטייט זיך, ס׳וואָלט אוממעגלעך געווען, ווען די יידישע דאָקומענטן וואָלטן נישט געשריבן געווען אויף רוסיש.

די דאָזיקע מיינונג, אַז די אויבנגעבראַכטע אויסדריקן „פיסמאָם זשידאָווסקים“ און „פאָ זשידאָווסקי“, וואָס מיר באַגעגענען אין די דאָקומענטן, זענען נישט קיין צופעליקייט, נאָר אַן אויסדרוק פון אַ באַשטימטער און שטאַנדהאַפטער טערמינאָלאָגיע פון דעם ליטווישן געריכטלעכן סטיל פונם 16 יאָרה. און אַז דערביי באַטייט „פאָ זשידאָווסקי“ אויף יידיש אָדער העברעיש און „זשידאָווסקים פיסמאָם“ בלויז מיט יידישע אותיות אָבער אויף רוסיש, האָט אַרויסגערופן אַן ערווידערונג מצד בעל־דמיון.[20] ער רוקט אַרויס קעגן דער דאָזיקער מיינונג פאָלגנדע טענות.

א) ווי ס׳איז צו זען פון די געבראַכטע דאָקומענטן, פאַרמאָגן מיר דרייערליי טערמינאָלאָגיעס בנוגע די יידישע דאָקומענטן: „פיסמאָם זשידאָווסקים“, „פאָ זשידאָווסקי“ און „ליטעראַמי זשידאָווסקימי“. ווייטער ברענגט ער נאָך אַ דאָקומענט, וואָס ווערט אָנגערופן „ליסט זשידאָווסקי.“ און בעל דמיון פרעגט דערביי: אויב מיר האָבן דאָ ווירקלעך צו טאָן מיט אַ שטאַנדהאַפטיקער טערמינאָלאָגיע און „פאָ זשידאָווסקי“ באַטייט אויף יידיש אָדער העברעיש און „פיסמאָם זשידאָווסקים“ מיט יידישע אותיות אָבער אויף רוסישער שפּראַך, — טאָ וואָס באַטייטן די אויסדריקן „לי-

20) „די יידישע וועלט“ 1914 מערץ.

טעראַמי זשידאָווסקימי" און „ליסט זשידאָווסקי" ?

ב) די אויסדריקן „פאָ זשידאָווסקי" און „פיסמאָם זשידאָוו-סקים" באַגעגענען זיך אויך בנוגע די יידישע חתימות און דאָ, פאַרשטייט זיך, איז דאָך נישטאָ דער אויבנדערמאָנטער חילוק וואָס בנוגע חתימות, — קאָן דאָך נישט זיין קיין פראַגע וועגן שפּראַך. און ס'איז דעריבער וואַרשיינלעך, אַז די ביידע אויסדריקן באַטייטן איינס און דאָס זעלבע.

ג) בנוגע די דאָקומענטן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן „פיסמאָם זשידאָווסקים" שטעלט בעל דמיון אַרויס פאָלגנדע טענה: היות ווי דער ערשטער איז אַ ספּעציעל יידישער דאָקומענט (כתו-בה אָדער תּנאים (вѣно) — און דער צווייטער איז געשריבן גע-וואָרן נאָך דער חלוקה פון אַ גרושה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער געגנוואַרט פון יידן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען יידישע גייסטלעכע, איז אומגלייבלעך, אַז זיי זאָלן געשריבן זיין אויף רוסיש.

ד) בנוגע דעם אויסדרוק „ליטעראַמי זשידאָווסקימי", מיט וועלכע דער ייד שמערלעוויץ פלעגט אויספילן די צווייטע זייט פון זיינע ממרנס (ממרן איז אַ ריינער וועקסל-בלאַנק בלויז מיט אַ חתימה, אָבער נישט קיין אויסגעפילטער) מיינט בעל דמיון, אַז ס'איז אומגלייבלעך, אַז אויף אַ ממרן, וואָס האָט געקאָנט איבערגע-געבן ווערן אָן שום פאָרמאַליטעטן פון האַנט צו האַנט און האָט דעריבער געקאָנט מגולגל ווערן אין די ווייטסטע מקומות און נישט זעלטן אפילו אין אַנדערע מדינות, זאָלן געמאַכט ווערן אויפ-שריפטן אויף סלאַוויש, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך דער יידישער באַפעלקערונג פון די נישט סלאַווישע לענדער, מיט וועלכע די סלאַווישע יידן האָבן זיך געפונען אין זייער נאָנטע האַנדלס-פאַר-בינדונגען.

מיר וועלן זיך גענויער אָפּשטעלן אויף די טענות פון ה' בעל-דמיון.

א) קודם כל איז בכלל נישט ריכטיק, אַז מיר האָבן פאַר זיך גאַנצע פיר אויסדריקס-אַרטן בנוגע דער שפּראַך פון די יידי-שע דאקומענטן. „פיסמאָ זשידאָווסקאָ" און „ליטערי זשידאָווסקי"

זענען דאָך פּאָלקאָמע סינאָנימען. ס'איז פּונקט, ווי מ'זאָל אין יידיש זאָגן: „יידישע אותיות" אָדער „יידישע בוכשטאַבן". וואָלט אויך אין דעם פאַל בעל דמיון עס געהאַלטן פאַר צווייערליי אויס־דריקסאַרטן אָדער טערמינאָלאָגיעס?

ווייטער וועגן צווייטן אויסדרוק „ליסט זשידאָווסקי". אַזעלכע אויסדריקן באַגעגענען זיך דאָך אויך בנוגע אַנדערע נישט־יידישע דאָקומענטן: ליסטי „לאַטינסקי", „רוסקי" און „פּאָלסקי", וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס „פּאָ לאַטיני", „פּאָ רוסקי", און „פּאָ פּאָלסקי". פאַר וואָס זשע האָט דער דאָזיקער אויסדרוק נישט געקאָנט געברויכט ווערן אויך בנוגע יידישע דאָקומענטן, אַלס סינאָנים פון „פּאָ זשידאָווסקי"?

בכן האָבן מיר נישט קיין פיר אויסדריקס־אַרטן בנוגע דער שפּראַך פון די יידישע דאָקומענטן, נאָר בלויז צוויי — „פּיסמאָ זשידאָווסקאָ" און זיין סינאָנים „ליטערי זשידאָווסקי", וואָס באַטייטן יידישע אותיות און ווערן געברויכט נאָר אין דעם פאַל, ווען די יידישע דאָקומענטן אונטערשיידן זיך פון די נישט־יידישע בלויז מיט די אותיות, אָבער נישט מיט דער שפּראַך, ד. ה. ווען זיי זענען געשריבן אויף רוסיש נאָר מיט יידישע בוכשטאַבן, — און „פּאָ זשידאָווסקי" און זיין סינאָנים „ליסטי זשידאָווסקי", וואָס באַטייט אַ יידישער דאָקומענט, געשריבן אויף יידיש אָדער העברעיש.

ב) וואָס אָנבעלאַנגט די יידישע חתימות, וואָלט אפילו אַ מאָדערנעם פילאָלאָג שווער געווען צו באַשליסן וואָס פאַר אַן אויסדריקס־אַרט ס'דאַרף צו זיי אָנגעווענדט ווערן: „פּאָ זשידאָווסקי" אָדער „זשידאָווסקים „פּיסמאָם" — אַרויסגייענדיק פון דער אָנגענומענער טערמינאָלאָגיע, אַז דאָס ערשטע הייסט „אויף יידישער שפּראַך" און דאָס צווייטע בלויז „מיט יידישע אותיות", בפרט נאָך, אַז צווישן די יידישע נעמען פון ליטע איז געווען צו יענער צייט זייער פיל סלאַווישע. וואָס איז דער חידוש, וואָס בנוגע די חתימות איז באַם ליטווישן געריכט נישטאָ קיין אויסגעהאַלטענע טערמינאָלאָגיע, און ס'ווערט געברויכט אַמאָל „פּאָ זשידאָווסקי" און אַמאָל „זשידאָווסקים פּיסמאָם"?

ג) בנוגע דער פראַגע, ווי איז מעגלעך. אַז אַ ספּעציעל יידישער דאָקומענט — זאָל געשריבן ווערן אויף רוסיש, צי דען שוין האָבן די רבנים פון ליטע צו יענער צייט נישט געקאָנט אַזעלכע דאָקומענטן שרייבן אין יידיש אָדער העברעיש — איז גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָך עד היום שרייבן די בוכאַרער יידן אַזעלכע דאָקומענטן אויף דער רעגירונגס־שפּראַך — רוסיש, ווייל בײַ זיי האָבן תנאים נישט קיין באַדייטונג פון אַ רעליגיעזן מנהג, נאָר פון אַ אָפיציעלן התחייבות־דאָקומענט, כאָטש זייערע רבנים קאָנען זיכער אָנשרייבן אַ שטר אויף העברעיש.

דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן בנוגע דעם דאָקומענט פון דער ירושה־חלוקה. פון דעם, וואָס בײַ דער חלוקה זענען בייגעווען אויך גייסטלעכע („דוכאָווני" — און דאָס באַטייט נישט דווקא אַ רב), איז נאָך נישט געדרונגען, אַז דער חלוקה־שטר דאַרף געשריבן ווערן דווקא אין העברעיש אָדער יידיש, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי איז די דאָזיקע שפּראַך פאַרשטענדלעך די צדדים. דער רב האָט זיך געמעגט גאַנץ גוט קענען שרייבן העברעיש און יידיש, אָבער די צדדים האָבן זיך מיט ד ע ם נישט גערעכנט בײַם אויסוויילן די שפּראַך און שרייבונג־אַרט פון זייערע אָפּמאַכן, נאָר מיט גאַנץ אַנדערע טעמים.

ד) וועגן אויסדרוק „ליטערי זשידאָווסקי" באַמערקט בעל־דמיון זעלבסט, אַז „דער פּשט מיט יידישע אותיות (זאָל זיין אויף סלאַוויש) לייגט זיך גיכער אויפן שכל, לויט דעם טייטש פון די ווערטער". שפּעטער אַביסל זאָגט ער זיך אָבער אָפּ פון דעם דאָזיקן פּשוטן און קלאָרן „פּשט, וואָס לייגט זיך גיכער אויפן שכל, לויט דעם טייטש פון די ווערטער", ווייל ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ס'זאָל זיך געפינען אַ מענטש, וואָס זאָל מאַכן אַ סלאַווישע אויפשריפט אויף אַ ממרון, וואָס קאָן מגולגל ווערן אין אַנדערע לענדער. אָבער בעל־דמיון האָט דערביי גישט גענומען אין אַכט דאָס, וואָס ער אַליין דערציילט גאַנץ ריכטיק וועגן אַ ממרון, אַז ער האָט געקאָנט איבערגעגעבן ווערן אָן אַ סוף מיד ליד אָן שום פאָרמאַליטעטן און אויפשריפטן, און דעריבער טאַקע האָט די אויפשריפט אויף דער צווייטער זייט קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט און

האָט קיינעם נישט געקאָנט אינטערעסירן. די אויפשריפט איז גע־מאַכט געוואָרן בלויז פאַר זיך, כדי דער בעל־השטר אַליין זאָל וויסן, וועלכע פון זיינע שטרות זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַלס אויסגעפילטע וועקסלען און וועלכע בלויז אַלס אונטערגעשריבענע וועקסל־בלאַנקן (ממרון).

בכן, זענען אַלע קשיות פון בעל־דמיונען בנוגע די אויבנ־געבראַכטע ראיות פאַרענטפערט, און מיר ווענדן זיך צו די איבעריקע דאָקומענטן.

צווישן דער „פּאָסאָלסטוואָ" פונם מאָסקווער גרויספירשט יאָאַן וואַסיליעוויטש צום קרימער כאַן מענגלי־קריי געפינט זיך אַ בריוו צום קאַפאער (איצט פעאָדאָסיע) יידן כאָזע קאָקאָס, אין וועלכן דער גרויספירשט בעט כאָזען צווישן אַנדערע זאַכן אויך וועגן דעם, אַז ער זאָל אים שרייבן זיינע בריוו נישט „זשידאָווס־קים פיסמאָם" נאָר „רוסקים פיסמאָם" אָדער בוסערמאַנסקים (בוּ־סערמאַנסקי קאָן דאָ באַטייטן אויך לאַטייניש, ווייל מיט דעם וואָרט פלעגן די רוסן באַצייכענען אַלע נישט־רוסישע אלף־בּיתן); דערפון איז צו זען, אַז כאָזע האָט אים שוין אַמאָל געשריבן „זשידאָווסקים פיסמאָם". מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אין רוסלאַנד האָט דאָס וואָרט „זשידאָווסקים פיסמאָם" געקאָנט געברויכט ווערן אין זין פון שפראַך, דאָך רעכענען מיר, אַז כאָזעס בריוו צום גרויס־פירשט איז געשריבן געווען בלויז מיט יידישע אותיות, נאָר אין דער רוסישער שפראַך.

כאָזע קאָקאָס און יוסף פון קאַפאַ זענען געווען שוואָגערס און זענען געווען גוט באַפריינדעט מיט זכריהן, דעם פירשט פון טאמאן, וואָס איז אַהערגעקומען פון טשערקעס (לויט דער צווייטער ווערסיע: פון קיעוו). יוסף איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער רוסי־שער שפראַך. דאָס איז צו זען דערפון, וואָס כאָזע שיקט דורך אים זיינע בריוו צום מאָסקווער גרויספירשט. צווישן די יידן, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט זכריהן פון ליטע קיין נאָווגאָראָד און האָבן דאָרט געגרינדעט די סעקטע „יידישע אַפּיקורסות", געפינען מיר אויך דעם נאָמען יוסף. די ביידע יוספס זענען, מסתמא, איי־נע און די זעלבע פּערזאָן. איז ער, הייסט עס, געווען אַ סלאַווי־

שער ייד, וואָס איז אַהערגעקומען צוזאַמען מיט זכריהן פון ליטע,
און ס׳איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז אויך זיין שוואָגער כאָזע איז-
געווען אַ ליטווישער ייד און אַלס אַזעלכער האָט ער געוויס גע-
קענט די רוסישע שפּראַך. אָבער אויך אַ חוץ דעם אַלעם איז קיין
ספק נישט, אַז כאָזע האָט געקענט רוסיש. ווי ס׳איז צו זען פונם
דערמאָנטן בריוו, ווי אויך פון אַ צווייטן, איז כאָזע קאָקעס געווען
אַ מין רוסישער פּאָליטישער אַגענט. ווען דער מאָסקווער גרויס-
פירשט וויל זיך משדך זיין מיטן קרימער כאַן, בעט ער די פאַרמיט-
לונג פון כאָזע קאָקעס; צו זיין פאַרמיטלונג ווענדט ער זיך אויך,
ווען ער וויל באַקומען פונם קרימער כאַן אַ „יאַרליק" אויף גרויס-
פירשטעריי, ווי אויך אין פיל אַנדערע קלענערע פאַלן. כאָזע קאָ-
קעס פאַרנעמט זיך אויך מיט אויסקויפן די רוסישע געפאַנגענע,
באַזאָרגט זיי אויך (אָפטמאָל אויף באָרג, אויף ערבות פונם גרויס-
פירשט) מיט קליידער, העלפט זיי אומצוקערן זיך צוריק אין זיי-
ער היים, קויפט איין פאַרן גרויספירשט אַלערליי מזרח-סחורות א.
אַז. וו. גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז באַ אַזאַ מין טעטיקייט האָט כאָ-
זע געמוזט באַקאַנט זיין מיט דער רוסישער שפּראַך און ס׳איז קיין
ספק נישט, אַז נישט אין העברעיש אָדער יידיש, נאָר אין דער
רוסישער שפּראַך האָט ער אויך געשריבן דעם גרויספירשט. ס׳איז
איבעריק צו דערמאָנען, אַז כאָזעס בריוו האָט נישט געקאָנט זיין
דער ערשטער פּרואוו צו שרייבן רוסיש מיט יידישע אותיות און
אויב כאָזע האָט אַזוי געשריבן צום גרויספירשט, איז אַ סימן, אַז
אַזאַ מין שרייבן — רוסיש מיט יידישע אותיות — איז געווען אַ
גאַנץ געוויינלעכע ערשיינונג באַ די סלאַווישע יידן, און דאָס איז,
נאַטירלעך, מעגלעך, נאָר דאַן, ווען רוסיש איז געווען זייער אומ-
גאַנג-שפּראַך.

דער לעזער וועט מסתּמא מיט אַ פאַרוואונדערונג זיך שטעלן
די פראַגע: איז דען מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל שרייבן זיינע אָפיצי-
יעלע בריוו (ווי בכלל אָפיציעלע מלוכה-דאָקומענטן) מיטן יידישן
אלף-בית?

אויף דער דאָזיקער פראַגע פאַרמאָגן מיר, צום גליק, אַ גאַנץ
קלאָרע דאָקומענטאַלע תּשובה, וואָס לאָזט אין דעם פּרט נישט אי-

בער קיין שום ספק.

דער ייד יקותיאל גיט אין 1435 יאָר אן אָפיציעלע בריוופאַרפליכטונג דעם ברעסלויער מאַגיסטראַט אין דער דייטשישער שפּראַך, אָבער מיט יידישע אותיות, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין פאַל אויב יקיתואל וואָלט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט פון זיין פאַרפליכטונג, וואָלט דער דערמאָנטער בריוו דערגרייכט ביז צום פוילישן קעניג.[21]

21) דער אינהאַלט פונם בריוו איז:

„איך יקותיאל יורא איטחן בינוש יודן זונא בקינא מיט דיזם בריבא אללן די אין זעהן הורן אודר לעזן דז איך גלובט האבא אונ' גלובא אין קראפט דיש בריבש ווליקליכן אונ' אונא בטוונגן ביי מיינם יודישן רעכט אונ' איידא מיט אופ[גירקטן בינגרן] קיגן דער זונא בון דער בורקלאגא וענן די איך אובר די שטאט בריסלא [אונ' רטמנא אירברי] הירן גמאן הבא דש איך דש די שטאט אונ' רטמנא אללא מיטנאנד[ר דעש וידר] אנטשולדיגן אונ' בור אנטוורטן ויל בור דעמא הירן קוניק בון פולאן [מיינם הירן אונ' רעטין] אונ' שטיטן אונ' רעטין וא דש גשעהן אישט בור אללער מניקל[יכן גיישטליך אונ' ו]ערטליך אונ גלובא בורבש מי קיינע קלאגא בון זולכר זאכן ו[ועגן אובר די שטאט] אונ' זי ניכט צו טאון דורך מיך מיינע ברונדע נוך דורך [אירג]נגדש [אימנדש אנדרש ועדר] אופנבאר נוך אין קיינער וייזא זונדר איך דאנקא מין ליבש אונ' ג[וטש דר שטאט ראטטנן] אירברן הירן אונ' בור וילא מיך אבא איך דש ניכטן טוטא אונ' ד ש[בריכא מיט ורטן] אודר מיט וערקן אונ' דש מיט רעדליכר וישן שאפט אובר ונדן וא[רדא דש איך מיך דש] ניכט בור אנטווטן קונדא דש איך דרומא לייבש אונ' גוטיש זאל בור בא[לין לין זיין] דש צו בקינטניש האבא איך אי גננטר יקותיאל מיין יודיש זיגל אנ' [דיזן בריבא] מיט רעכטער וישן גהאנגן גוגעבן צו בריסלא אנדעמא אירשטן מאנטאג דש מאנדש ניסן איין יידישר צאלן בינף טאוזנט יאר אונ' הונדרט יאר אונ' דרצו אינ דעמא וונוא אונ' נוינציקשטן יאר נאך אנבגינן אונ' שיפפונגא אללר קריאטייר זונד גוטא אליין“

איבערגעדרוקט פון:

„Jahres-Bericht des Juedischen theologischen Seminars“ III.

„Geschichte der Juden in Schlesien von Dr. Braun Anhang IV S. LXVIII.

אינם אַרכיוו פונם אַרכעאָלאָגישן אינסטיטוט אין פעטראָגראַד איז אויך געפונען געוואָרן אַ „סקאַזקע" (אַנקעטע-בויגן) פון א יידישן „באָיאַרן-קינד"[22]) פונם 1680 י., וואו ס'ווערן געגעבן די געפאָדערטע ידיעות וועגן עלטער, צייט און ארט פון זיין מלוכה-דינסט, אַלס באָיאַרן-קינד און פריער, געהאַלט אין דגל. און פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער אַלגעמיין-געברויכלעכער פאָרמול אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער מיט יידישע אותיות:

יע שמולה וויסטיצקי איק סיי איז קזקו יע רוקו פרילאזיל.[23])

דאָ האַנדלט זיך, אַלזוי, נישט וועגן קיין איינפאַכע חתימה, וואָס באַשטייט בלויז פונם נאָמען און פאַמיליע, נאָר פון אַ גאַנצער

---

22) באָיאַרן-קינדער – אָדער „דיעטי באָיאַרסקי" זענען די נידעריקסטע שיכטע פון די רוסישע אַדעליגע. צו ערשט זענען זיי באַשטאַנען פון קינדער פון די אָרימערע אַדעליגע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דינסט בא די רייכערע אדללייט אָדער באָיאַרעס און האָבן זיך געפונען אין דער לאַגע פון משפחה מיטגלידער. פון דאַנען שטאַמט טאַקע דער נאָמען „באָיארן-קינדער". שפּעטער שוין, ווי אויך אין דער צייט, צו וועלכער ס'געהערט דער געבראַכטער דאָקומענט – אין סוף 17 יאָרה. האָבן זיך די דאָזיקע „באָיאַרן-קינדער", אַלס נידעריקע שיכטע פון דעם רוסישן אדלשטאַנד, געפונען אויף מלוכה-דינסט אַלס מלוכה-שוץ אין די ערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ סטראַטעגישע אָדער אַנדערע וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער מלוכה.

23) צוליב דער וויכטיקייט פונם דאָזיקן דאָקומענט, ברענגען מיר דעם דאָזיקן דאָקומענט אין אָריגינאַל.

„188-го іюля в 5 день Самойло Абрамовъ сынъ Вистицкой сказал: служит де он по Верхотурью в детехъ боярских лѣтъ з двенадцать, по грамоте великого Государя, при стольнике и воевОде, при Ѳедоре Хрущове, а веретап он вновь, а оклад ему: депег семнадцать рублевъ; хлѣба осмнатцать чети ржи, овса тоже; а отецъ де ево служилъ королю польскому по Брестъ Литовскому шляхтою; а до того верстанья служилъ он, Самоило; по Смоленску Великому Государю съ шляхтою Смоленскою въ ряд; а отъ роду де ему пятдесять восм лѣтъ — А буде он, Самоило, сказал ложно, или утаилъ верстанье свое и чинъ отца своего, а сыщетца про то допряма, и за тое его ложную, скаску указал бы Великій Государь взять у него свое государево депежпое и хлѣбное жалованье и учинить наказанье и взять пеню, что Великій Государь укажет

יע שמולה וויסטיצקי איק סיי איז קזקו יע רוקו פרולאזיל."

„Я Самойло Вистицкой кь сей сказкѣ руку приложилъ" Б. Р. : ד. ה.)

פאָרמולע אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז טראַנסקריבירט אין יידישע בוכשטאַבן.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז דער ערשטער, וואָס מיר פאַרמאָגן, געשריבן אין רוסיש מיט יידישע אותיות. און ווייל דער דאָקומענט טראָגט אַן אָפיציעלן כאַראַקטער און האָט אַ וויכטיקע מלוכה-באַדייטונג, ווער דאָך קיינעם נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס „באָיאַרן-קינד" שמולה האָט איינגעפירט אַ נייס און אָנגעשריבן די געפאָדערטע פאָרמולע מיט יידישע אותיות. ווי ס'איז צו זען פונם געבראַכטן דאָקומענט, האָט דער דאָזיקער יידישער פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט בכלל נישט געהאַט קיין באַזונדער אינטערעס צו דער „איידעלער מלאכה פון שרייבן". פאַר צוועלף יאָר מלוכה-דינסט אין ווערכאָטוריע אַלס „באָיאַרן-קינד" און זיין לאַנג-יאָריקער דינסט דעם רוסישן גרויס-פירשט אַלס מיטגליד פון סמאָלענסקער שלאַכטע (און פאַר דער צייט איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען אונטערצושרייבן פאַרשידענע „סקאזקעס", ווי אויך אַנדערע פּאַפּירן), האָט ער דאָך נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען צו שרייבן רוסיש מיט רוסישע בוכשטאַבן, כאָטש די רוסישע שפּראַך האָט ער גוט געקענט. באַ אַזעלכע שפּראַך-פעיקייטן איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך, אַז ער, שמולה, זאָל צוטראַכטן די קונסט אויסצולייגן רוסיש מיט יידישע אותיות און איינצופירן אַ געוויסן מעטאָד פון וואָקאַליזירונג. ס'איז דעריבער מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע „קונסט" און געוווינהייט צו שרייבן רוסיש מיט יידישע אותיות האָט ער געבראַכט מיט זיך פון זיין פריערדיקער היים און געזעלשאַפטלעכער סביבה.

פון וואַנען שטאַמט שמולה וויסטיצקי?

אין זיין „סקאזקע" ווערט דערציילט, אַז ער דינט אין ווערכאָטוריע 12 יאָר, און פריער האָט ער זיך געפונען אויף מלוכה-דינסט אין די רייען פון דער סמאָלענסקער שלאַכטע און זיין פאָטער אַבֿרהם האָט געדינט אין די ר י י ע ן  פ ו ן  ד ע ר  ב ר ע ס ט - ל י ט אָ ו ס ק ע ר  ש ל אַ כ ט ע. בכן האָט זיך אונזער שמולה אויסגעהאָדעוועט אָדער אין בריסק גופא אָדער אין בריסקער אומגעבונג. פּראָפעסאָר ש. גאָלדשטיין מיינט אַפילו, אַז די וויסטיצקעס ש ט אַ-

מען פונם דאָרף וויסטיצע (גראָדנער גובערניע) אין דער אומגעבונג
פון בריסק, וואָס איז געווען אַ באַדייטנדיקער וואוינפּלאַץ אין סוף
17־טן יאָרה. שמולה וויסטיצקי איז, אַלזוי, געווען אַן עכט ליטווי־
שער ייד, דאָרט געבוירן, דאָרט דערצויגן און אויך דאָרט פאַר־
בראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיינע דינסט־יאָרן, אַלס קריגס־מאַן
אין די רייען פון דעם רוסישן אַדלשטאַנד. פון דאַנען האָט ער
אויך מיטגעבראַכט די „קונסט” צו שרייבן רוסיש מיט יידישע אותיות
און ס'ווייזט אויס, אַז דאָס איז דאָרט געווען אַ געוויינלעכע ער־
שיינונג. אויך ער, שמולה, האָט עס פאָרגעזעצט אַפילו אין ווערכאָ־
טוריע אויף אַזעלכע אָפיציעלע און מלוכה־אַקטן, ווי די דערמאָנטע
„סקאַזקעס”. און ווירקלעך אין דער זעלבער געגנט טרעפן מיר
די יידישע פרויען־נעמען, וואָס זענען געבילדעט פון די ביבלישע
מענער־נעמען דורך דעם צוגאָב פון אַ סלאַווישער פרויען־ענדונג „אַ”
(כאַצקאַ, מאָשאַ), אין דער זעלבער געגנט באַגעגענען מיר אויך
יידן, וואָס שרייבן זייערע שטרות און אָפּמאכן „פיסמאָם זשידאָווּ־
סקים” און „ליטעראמי זשידאָווסקימי” און די געוואוינהייט צו
שרייבן רוסיש מיט יידישע אותיות איז דער בעסטער באַווייז, אַז
רוסיש איז געווען די אומגאַנג־שפּראַך פון די דאָזיקע יידן, וואָס
האָבן נאָך אין 16 און אַפילו טיילווייז אין 17־טן יאָרה.
נישט באַוויזן צו אַסימילירן זיך מיט דער מערב־אייראָפּעיִשער
יידישער (יידיש־רעדנדיקער) צוואַנדערונג און האָבן פאַרהאַלטן
זייער שפּראַכלעכע אָפּגעזונדערטקייט פונם איבעריקן צוגעוואַנדערטן
יידישן קיבוץ.

די באַהויפּטונג, אַז נאָך און 16־טן און אַפילו אין אָנפאַנג
17־טן יאָרהונדערט האָט זיך אין די רוסישע געגנטן — איינגע־
שלאָסן ליטע, נאָך פולקאָם נישט פאַרענדיקט די שפּראַכ־
לעכע צוזאַמענגיסונג צווישן דער אָרטיקער רוסיש־רעדנדיקער יידי־
שער באַפעלקערונג, וואָס איז אורשפּרינגלעך אהערגעקומען פון די
דרום־מזרח־לענדער און זיך זייער פרי שפּראַכלעך אַסימילירט מיט
די קריסטלעכע שכנים, און דער שפּעטערדיקער יידיש־רעדנדיקער
יידישער צוואַנדערונג פון מערב־אייראָפּע, האָט אויך אַרויסגערופן

ערווידערונגען באַם דר. יצחק שיפּער.[24])

נאָך דער אַרבעט פון ש. דובנאָוו „די אומגאַנגס־שפּראַך פון די פּויליש־ליטווישע יידן“[25]) איז שוין פאַר שיפּערן „קיין ספק נישטאָ“, אַז די „אומגאַנגס־שפּראַך פון די פּויליש־ליטווישע יידן זינט דעם אָנהייב פונם 16־טן יאָרהונדערט איז געווען די יידישע שפּראַך און דערצו אין אַלע מדינות פון דער מלוכה“ (קורסיוו מיינער ב. ר.), דערביי פאַרשטאַרקט שיפּער די באַהויפּטונגען פון ש. דובנאָוו מיט זיין אייגענער אַרבעט וועגן דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1908 יאָר[26]). אָבער דאָ פאַלט שוין אַריין דר׳ שיפּער אין אַ געוואַלטי־קער סתירה מיט זיך אַליין. גראָד אין דער דערמאָנטער אַרבעט קומט שיפּער צום באַשלוס, אַז די „אַלטעגלעכע שפּראַך פון די יידן אין די סלאַוון־לענדער איז געווען סלאַוויש אַפילו אין די ווייטסטע סלאַווישע מערב־גרענעצן“ (אין מיטלאַלטער ב. ר.). אַלזוי, אַז די ערשטע יידישע קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע געגנטן, וואָס איז אַהערגעקומען פון די מזרח־דרום לענדער האָט זיך דאָ שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער סלאַווישער רוב־באַפעל־קערונג, איז אויך דר׳ שיפּער מודה.

שיפּער גייט אָבער אין דעם פּרט אַ סך ווייטער. ער באַהויפּ־טעט אפילו, אַז די שפּעטערדיקע יידישע צוואַנדערונג, וואָס האָט געשטראָמט אין די סלאַווישע געגנטן, אָנהייבנדיק פונם 13 יאָר־הונדערט, צוזאַמען מיט דער דייטשער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך זייער גיך שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דעם רוב באַפעלקע־רונג, און סלאַוויש איז געוואָרן זייער אומגאַנגס־שפּראַך. פון דעם, וואָס אַ ייד טרעט אַרויס אַלס עדות אין פּוילישן געריכט אויף פּויליש, ווי אויך פון דעם, וואָס אין 14 יאָרהונדערט באַגעגע־נען זיך זייער אָפט באַ די יידן אין פּוילן, ווי אויך אין די אי־

---

24) ד״ר שיפּער „אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען איבערן „פּנקס“. יובל־נומער פונם „יידישן אַרבעטער“ לעמבערג 1913 יאָר.

25) Еврейская старина 1909 кн. I.

26) קונסט און לעבן 1908 העפט I.

בּעריקע סלאַווישע לענדער „ריין־סלאַווישע" נעמען, וואָס באַגעגענען זיך נישט בּאַ דער יידישער בּאַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, קומט שיפּער צום באַשלוס, אַז אין די סלאַווישע לענדער האָבּן „די יידישע קאָלאָניסטן וואָס האָבּן אימיגרירט פון מערב־אייראָפּע"... „אַ דאַנק זייער אויסערגעווייגלעכן טאַלענט זיך אויסערלעך צו אַסימילירן, זייער פרי איבּערגענומען די אכסניה-שפּראַך — די סלאַווישע" (קורסיוו ב. ר.)

ס'איז איבּעריק צו דערווייזן, אַז פון דעם, וואָס אַ ייד טרעט ארויס אין געריכט אויף פּויליש אָדער רוסיש, איז נאָך אַבּסאָלוט נישט צו דרינגען, אַז דאָס איז געווען זיין מוטער־ אָדער אומגאַנגס-שפּראַך. ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער גרעסטער רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געמוזט קענען מער אָדער ווייניקער די שפּראַך פון דער מערהייטס-באַפעלקערונג, פון וועלכע די יידן זענען עקאָנאָמיש געווען אָפּהענגיק, — דאָס הייסט דאָך אָבּער נישט אומגאַנגס־ אָדער מוטער-שפּראַך.

אויך פון דעם, וואָס די יידן האָבּן געטראָגן סלאַווישע נעמען איז בּכלל גענומען, ווי מיר האָבּן שוין פריער דערמאָנט, אַבּסאָלוט נישט צו דרינגען, אַז צוזאַמען מיט די נעמען, האָט די מערב־אייראָפּעישע צוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער אויך איבּערגענומען די סלאַווישע שפּראַך, בּפרט נאָך, אַז שיפּער האָט זיך אפילו נישט געפּרובּט דערווייזן, אַז די אַלע „פּטשאלקעס, דיעטקאס און פּיכאָטשעס" זענען געווען דווקא מערב־אייראָפּעישע סלאַוויניזירטע יידן און נישט די אָרטיקע יידישע תּושבים, וואָס שטאַמען פון דער ערשטער יידישער איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער, וואָס זענעןווירקלעך געווען שפּראַכלעך סלאַוויניזירט.

שיפּערס באַהויפּטונג, אַז אויך די ערשטע מערב־אייראָפּעישע (דייטשרעדנדיקע) יידישע איינוואַנדערונג אין מיטלאַלטער האָט זיך שפּראַכלעך אַסימילירט מיט די סלאַוון איז אַבּסאָלוט אומבּאַגרינדעט און ער אַליין קאָן נישט באַווייזן פאַר דער דאָזיקער השערה אפילו קיין איינאיינציקע ערנסטע ראיה.

נישט געקוקט אָבּער אויף דער דאָזיקער באַהויפּטונג, אַז

אויך די ערשטע יידישע איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער האָט זיך שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער מערהייטס-באַפעלקערונג און אַז דער דאָזיקער אַסימילירונגס-פּראָצעס האָט זיך „פאַרענדיקט אין 14 יאָרהונדערט", ערקלערט ד"ר שיפּער אין זיין אַרטיקל „אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען איבערן „פּנקס", אַז „אין גרויס- און קליין-פּוילן (אַ חוץ דער רוטענישער מלוכה) איז שוין אין אָנפאַנג פון 15 יאָרהונדערט געווען די אומגאַנגס-שפּראַך פון די יידן דער דייטשער דיאַלעקט, מיט וועלכן ס'האָט זיך באַנוצט דאָס דייטשע שטאָט-בירגערטום".[27]

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז ערשט „אין 14 יאָרהונדערט" זאָל זיך „פאַרענדיקן" די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון די יידן אין די סלאַווישע לענדער — און שוין אָנפאַנג פונם 15 יאָר-הונדערט זאָל דייטש ווערן „די אומגאַנגס-שפּראַך פון די יידן (נישט אפילו פון דעם רוב יידישער באַפעלקערונג, נאָר פון

---

27) שיפּער איז זיך אין דער פראַגע סומך אויף זיין ביטראַג צו דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך („קונסט און לעבן" 1908, ערשטע העפט), אָבער אויך דאָ האָט שיפּער אַ טעות, ווייל אין דער דערמאָנטער אַרבעט קומט ער צום פאָלגנדיקן אויספיר:

„1) אַז די עלצטע אַלטסעגלעכע שפּראַך פון יידן אין דער סלאַווי-שער אַכסניה איז געווען סלאַוויש;

2) אַז די סלאַווישע יידן האָבן זייט דער דייטשישער קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע לענדער זיך באַדינט אינם אַלטעגלעכן לעבן אי מיט דער סלאַווישער, אי מיט דער דייטשישער שפּראַך (וועלכע פון די ביידע שפּראַכן איז אָבער געווען זייער מוטערשפּראַך, דערמאָנט שיפּער נישט; וועגן צוויי מוטערשפּראַכן קאָן, פאַרשטייט זיך, קיין רייד נישט זיין. ב. ר.);

3) אַז אויפן דייטשישן לשון, וועלכן ס'האָבן גערעדט די סלאַווישע יידן, ליגט נאָך אינם 15 יאָרה. קיין אינדיווידועלער יידישער שטעמפּל נישט אויפגעדריקט, וועלכער וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף דעם געבוירן ווערן פונם „יידיש-דייטשישן" לשון."

ווי ס'איז צו זען פון דער דערמאָנטער ציטאַטע, ווערט דאָ אין ער-געץ נישט דערמאַנט, אַז דייטש איז געווען די אומגאַנג-שפּראַך פון די יידן אין די סלאַווישע לענדער ביזן 15-טן יאָרהונדערט און דערצו נאָך די אויסשליסלעכע.

די יידן בכלל אָן אויסנאַמען ב. ר.) אין גרויס- און קליינפוילן"?

די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון קבוצים איז דאָך אַ לאַנג דויערנדער פּראָצעס און בפרט נאָך, אַז די שפּראַכלעכע סלאַוויני־זירונג פון דער מערב-איראָפּעישער איינוואַנדערונג אין די סלאַ-ווישע געגנטן (אויב אַזאַ שפּראַכלעכע אַסימילאַציע איז פאָרגעקו-מען, ווי עס וויל האָבן שיפּער) וואָלט דאָך געוועזן דער בעסטער באַווייז, אַז דערצו זענען געוועזן גינסטיקע געזעלשאַפטלעכע אוןווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן אין משך פון יאָר-צענ־דליקער נישט געקאָנט פאַרשוואַנדן און מעגלעך מאַכן דעם אַבּ־סאָלוטן צוריקקער פון די יידן צו זייער פריערדיקער שפּראַך און דערצו נאָך אין אַזאַ קורצן פּעריאָד.

די מעשה איז אָבער, וואָס די באַהויפּטונג פון ד"ר שיפּער, אַז די יידן האָבן שוין אין אָנפאַנג פון 15-טן יאָרהונדערט אין גרויס- און אין קליין-פוילן געהאַט די דייטשע אומגאַנגס-שפּראַך (און דערצו נאָך אין איר ריינער פאָרם אָן אַ שום אינדיווידועלן שטעמפּל) — באַזירט זיך בלויז אויף איין איינציקן דאָקומענט — אויפן בריוו פונם פוילישן יידן יקותיאל פון 1435 אין דייטש מיט יידישע אותיות, וואָס איז, ווי ס'האָט שוין באַמערקט ב. באָראָכאָוו,[28] „צו אָפיציעל" כדי מ'זאָל פון דעם אפילו קאָנען דרינגען, אַז די דייטשע שפּראַך פון די יידן האָט זיך נישט אונטערשיידט פון דער עכטער דייטשער שפּראַך. מען וואָלט נאָך געקאָנט צוגעבן, אַז צו-ליב זיין אָפיציעלקייט קאָן דער בריוו אפילו נישט דינען אַלס באַ-ווייז, אַז דייטש איז געוועזן די אומגאַנגס-שפּראַך פון יקותיאלן אַליין (כאָטש דאָס, פאַרשטייט זיך, איז לחלוטין נישט אויסגע-שלאָסן).

פאַרענדיקט מיט זיינע אייגענע ראיות, גייט ד"ר שיפּער איבער צום קריטישן אַנאַליז פון מיינע באַווייזן, אַז נאָך אין 16 און טיילווייז איז אָנפאַנג פון 17 יאָרהונדערט באַגעגענען מיר אין די סלאַווישע לענדער שפּורן פון דער אַמאָליקער סלאַוויש-רעדנ־

---

28) די ביבליאָטעק פונם יידישן פילאָלאָג – ביילאַגע צום „פּנקס" תרע"ב נום. 434 זייט 54.

דיקער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך נאָך שפּראַכלעך גישט צונויפגעפלאָסן מיט דער שפּעטערדיקער מערב־אייראָפּעי־שער יידישער איינוואַנדערונג.

ד"ר שיפּער רעכנט אויס מיינע ראיות פאַר דער דערמאָנ־טער באַהויפּטונג: 1) די סלאַווישע נעמען באָגדאַן, באַגדאַנא, וואָס מיר באַגעגענען גאַנץ אָפּט בא דער יידישער באַפעלקערונג פון ליטע און 2) דער בריוו אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז גע־שריבן געוואָרן פון איין „מיטניק" צום צווייטן.

דאָס איז איבערגעגעבן אַבסאָלוט נישט ריכטיק. רעדנדיק וועגן די סלאַווישע נעמען בא דער יידישער באַפעלקערונג באַמערק איך דערביי בפירוש, אַז דאָס קאָן בשום אופן נישט דינען אַלס באַווייז פאַר דער סלאַווישער אומגאַנגס־שפּראַך פון די יידן, פונקט ווי די יידישע נעמען שלמה, שלום, וואָס באַגעגענען זיך בא די צפון־רוסן אין 16 יאָרהונדערט, קאָנען נישט דינען פאַר א באַווייז פאַר דער יידישער אָדער העברעישער שפּראַך פון די צפון־רוסן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער צווייטער „ראיה", ברענג איך בלויז דעם פאַקט, אָבער באַמערק דערביי, אַז די שפּראַך פון די בריוו נוישן דיביידע אָפיציעלע פּערזאָנען, וואָס זענען אפשר לכתחילה געשריבן געוואָרן צוליב אָפיציעלע מלוכה־צוועקן, קאָן אַלס באַווייז פון דער אומגאַנגס־שפּראַך פון דער יידישער מאַסע נישט דינען.

וועגן מיינע אַלע אַנדערע ראיות דערמאָנט שיפּער אין אן אַנדער אָרט, אָבער בלויז כּלאחר יד. „ווען מיר וואָלטן אפילו מסכּים געווען", באַמערקט שיפּער צום סוף פון זיין אָפּהאַנדלונג, „אַז יענע בריוו, וועלכע רובשטיין ציטירט, זענען געשריבן געוואָרן אין סלאַווישער שפּראַך מיט העברעישע אותיות, וואַרפט זיך נאָך אַלץ אויף די פראַגע, צי קאָן מען דערפון ציען אַלגעמיינע קאָנ־סעקווענצן וועגן דער אומגאַנגס־שפּראַך?"

„עס שרייבן דאָך נאָך היינט און ס'האָבן פריער געשריבן, באַמערקט ווייטער שיפּער, „די יידן אין מדינות פון פוילן — אין דער פוילישער אָדער רוסישער שפּראַך (אָבער מיט וועלכע אותיות? ב. ר.), און דאָך איז די אומגאַנג־שפּראַך די יידישע".

אָבער צווישן דיביידע ערשיינונגען איז פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק. שרייבן רוסישע ביכער איז איינס, און שרייבן אָפּמאַכן ייווישן זיך אויף רוסיש מיט יידישע אותיות איז אַ גאַנץ אַנדער ז ך. אָדער אפשר מיינט שיפּער רוסישע אָדער פּוילישע ביכער מיט יידישע אותיות? מיר פֿון אַזעלכע ביכער ווייסן נישט!

שיפּער לייקנט אייגנטלעך נישט אָפּ, אַז ביזן סוף פֿונם 15 יאָרה. איז די יידישע באַפעלקערונג פֿון ליטע און רייסן הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען פֿון עלעמענטן, וואָס זענען אורשפּרינגלעך אַהערגעקומען פֿון די דרום־מזרח־לענדער און וואָס האָבן זיך זייער פּרי שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער סלאַווישער באַפעלקערונג. ער פֿאַרזיכערט אָבער, אַז אויך די דאָזיקע סלאַוויש - רעדנדיקע יידישע באַפעלקערונג איז שוין אין 15 יאָרה. — נאָך איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרעסערע מערב־אייראָפּעישע יידיש־(לויט שיפּערן דייטש־) רעדנדיקע איינוואַנדערונג — איבערגעגאַנגען צו דער יידישער (לויט שיפּערן דייטשער) שפּראַך, ווייל:

1) האָט שוין אין 15 יאָרהונדערט געלעבט אויך אין די שטעט פֿון ליטע אַ באַדייטנדיקע צאָל דייטשע קאָלאָניסטן, מיט וועלכע די יידן, אַלס שטאָטישער עלעמענט, האָט געדאַרפֿט קומען אין באַרירונג;

2) זענען בכלל די ליטווישע יידן אַפילו אין 15 יאָרה. נישט געווען אָפּגעריסן הן פֿון פּוילן, הן פֿון מערב־אייראָפּע און

3) דער גירוש־ליטע האָט געצוואונגען די אַרויסגעטריבענע ליטווישע יידן צו לעבן אין משך פֿון 8 יאָר (1495—1503) אין די פּוילישע שטעט און קומען אין אַ נאָענטער שפּראַכלעכער באַרירונג מיט די פּוילישע יידן, וואָס האָבן צו יענער צייט שוין גערעדט יידיש (לויט שיפּערן דייטש).

דאָס אַלץ האָט, לויט דער מיינונג פֿון שיפּער, געדאַרפֿט מאַכן גיכנטיקער דעם איבערגאַנג פֿון די רוסיש־רעדנדיקע ליטווישע יידן — צו דער הערשנדיקער שפּראַך פֿון דער ליטווישער שטאָט — צו דייטש נאָך אין 15־טן יאָרהונדערט.

געוויס האָט דער פֿאַקט, וואָס אין פּוילן און טיילווייז אויך אין ליטע איז די דייטשע שפּראַך געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט, גע־

שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער קולטור - און שפּראַך-אַנטווי-
קלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע סלאַווישע
מלוכות. אָבער קודם-כל טרייבט שיפער איבער די באַדייטונג פון
דער דייטשישער קאָלאָניזאַציע פאַר ליטע. גראָד דאָ איז די דיי-
טשישע קאָלאָניזאַציע אין 15 יאָרה. נאָך געווען שוואַך פאָרגע-
שטעלט. אָבער דער עיקר איז, וואָס גראָד די דייטשישע קאָלאָני-
זאַציע איז געווען אַמווייניקסטן מסוגל אונטערצוואַרפן
אונטער איר קולטורעלער און שפּראַכלעכער השפּעה די שכנותדיקע
יידישע באַפעלקערונג. אין אַלע פּרטים איז די דייטשישע קאָלאָ-
ניזאַציע געווען אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער יידישער
מאַסע. קיין שום געזעלשאַפטלעכער פאַרקער צווישן די דאָזיקע
ביידע פיינטלעכע טיילן האָט נישט געקאָנט פאָרקומען. אָבער אויך
עקאָנאָמיש איז נישט געווען קיין צוזאַמענבונד צווישן דער יידי-
שער אָרעמקייט און דייטשישער קאָלאָניזאַציע. די דייטשן זענען
דאָ אין די סלאַווישע געגנטן געווען הויפּטזאַכלעך אַ האַנטווערקער-
מאַסע, אָבער אין אַ גרויסן טייל האָבן זיך די דייטשן אויך פאַר-
נומען מיטן גרויס-און קליינהאַנדל. נישט די יידישע מאַסע פאַר די
דייטשן, ווי אויך נישט די דייטשן פאַר דער יידישער מאַסע האָבן
נישט געקאָנט דינען אַלס קאָנסומענטן אָדער אַרבעטס-מאַרק. אין
ווירטשאַפטלעכן זין זענען עס געווען פיינטלעכע, קאָנקורירנדיקע
מחנות, וואָס האָבן צווישן זיך געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר
דער ערעאָבערונג פון אַ דריטן קאָנסומענטן-צד — די סלאַווישע
פויערשע מאַסע, צו וועמען ביידע קעמפנדע טיילן האָבן זיך גע-
דאַרפט וואָס בעסער צופּאַסן. די רוסיש-רעדנדיקע יידן פון ליטע
האָבן, אַלזוי, נישט געהאַט קיין שום ווירטשאַפטלעכע און אַ פּשיטא
שוין געזעלשאַפטלעכע גרונטן און טעמים איבערצוגיין פון זייער
סלאַווישער שפּראַך, וואָס פאַרבינדט זיי אַמבעסטן מיט די סלאַווי-
שע קאָנסומענטן, צו דער דייטשישער שפּראַך (אַלס אומגאַנג-שפּראַך),
וואָס איז פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט געווען אַ סך מינדער-
ווערטיקער איידער זייער אייגענע סלאַווישע שפּראַך.

ווי שוואַך און באָדנלאָז ס'זענען געווען די קולטורעלע און
שפּראַכלעכע פּאָזיציעס פון דער דייטשישער קאָלאָניזאַציע אין די

סלאווישע לענדער איז אַמבעסטן צו זען פון דעם, וואָס אַפילו זיי אַליין האָבן נישט באַוויזן אויפצוהאַלטן זייער שפּראַכלעכע זעלבּ-שטענדיקייט און זענען געצוואונגען געווען אין דעם פּרט צוזאַמענ-צוגיסן זיך מיט דער אַרומיקער סלאַוויש-רעדנדיקער מערהייט-באַ-פעלקערונג.

אַזאַ שפּראַכלעך דעגענערירנדע גרופּע האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט דאָען קיין שום אַסימילירנדע ווירקונג אויף די סלאַוויש-רעדנדיקע יידן, וועמענס אומגאַנג-שפּראַך איז געווען גראָד די, צו וועלכער ס'האָבן זיך געמוזט צוליב ווירטשאַפטלעכע טעמים צופּאַסן אויך די דייטשישע קאָלאָניזאַציע.

בלויז די צאָלרייכע יידיש-רעדנדיקע איינוואַנדערונג פון מע-רב-אייראָפּע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ליטע אין 16 יאָרה. און פאַרוואַנדלט די אָרטיקע יידישע איינגעזעסענע (רוסיש-רעדנדי-קע) באַפעלקערונג אין אַן אינזל-אָרטיקן מיעוט אינם גרויסן ים פון דער מערב-אייראָפּעישער (יידיש-רעדנדיקער) איינוואַנדערונג, האָט זיי געמאַכט לחלוטין אָפּהענגיק רעליגיעז און קולטורעל פון דעם שפּעטער-צוגעוואַנדערטן „אשכנזישן" רוב פון דער יידישער באַ-פעלקערונג, וואָס האָט זיך נאָך דערצו געפונען אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג און פאַרמאָגט אַ גרויסן רעליגיעזן אויטאָ-ריטעט, נאָר דאָס האָט געקאָנט מעגלעך און אַפילו נייטיק מאַכן פאַר דער אָרטיקער יידישער סלאַוויש-רעדנדיקער באַפעלקערונג דעם איבערגאַנג צו יידיש-טייטש, אַלס צו אַן אומגאַנג-שפּראַך.

און דעריבער איז די באַהויפּטונג פון ד"ר שיפּער, אַז „אַלס אָנהאַלטס-פּונקט פאַרן אויספאָרשן דעם אָנפאַנג פון דער יידישער שפּראַך אין די מדינות פון דער פּוילישער מלוכה קאָן דינען איינציק און אַליין דאָס אויספאָרשן פון דער געאָגראַפישער פאַרשפּרייטונג פונם דייטשישן דיאַלעקט איבער זייער שטח", נישט בלויז איבערגעטריבן, נאָר לחלוטין פאַלש, ווייל גראָד דער דאָזיקער מעטאָד קאָן אונדז פאַרפירן אויף פאַלשע וועגן און ברענ-גען צו פעלערהאַפטע אויספירונגען.

איצט — וועגן די איבעריקע טענות פון ד"ר שיפּער.

מיר לייקענען, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּ די האַנדלס-פאַר-

בינדונגען צווישן די ליטווישע און פוילישע און אַפילו מערב־איי־ראָפּעישע יידן נאָך אין 15 (און זיכער אויך פריער) יאָרה. שיפּער האָט אָבער דערביי פאַרגעסן, אַז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער ערשטער יידישער איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער און באַזונדער אינם קעניגרייך ליטע, וואָס איז געקומען פון די דרום־מזרחדיקע לענדער, איז צום סוף פון מיטל־אלטער געווען אַ גאַנץ אַנדערע, איידער די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון זייערע מערב-אייראָפּעישע ברידער. דאָ האָט זיך דער גרעסטער רוב יידי־שע באַפעלקערונג פאַרנומען מיטן קליינעם האַנדל, מלאכה, טייל־ווייז ערד־אַרבעט, — און דער גרויס־האַנדל, באַזונדערס דער אינ־טערנאַציאָנאַלער האַנדל איז געווען די באַשעפטיקונג בלויז פון אַ קליינעם חלק פון די ליטווישע יידן אין 15 יאָרה. דער גרעסטער רוב יידישע באַפעלקערונג פון ליטע איז אַלזוי צו יענער צייט גע־ווען אַמווייניקסטן ווירטשאַפטלעך פאַרבונדן מיט דער יידישער באַ־פעלקערונג פון מערב־אייראָפּע. דעריבער איז אַבסאָלוט גרונטלאָז די מיינונג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל, וואָס האָט פאַר־בונדן די ליטווישע יידן מיט דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן און דייטשלאַנד זאָל פירן דערצו, אַז די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג פון ליטע זאָל פון סלאַוויש איבערגיין צו יידיש-דייטש (לויט שיפּערן — צו דייטש), אַלס אומגאַנג-שפּראַך.

דאָס זעלבע איז אויך וועגן דער באַדייטונג פון גירוש-ליטע. באַהויפּטן, אַז די 8 יאָר גלות, וואָס די אַרויסגעטריבענע יידן פון ליטע האָבן פאַרבראַכט אין פוילן, זאָלן ברענגען צו אַ פולקאָ־מער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, איז, פאַרשטייט זיך, מער ווי אי־בערגעטריבן. בפרט נאָך, אַז די ליטווישע יידן האָבן געלעבט אויך אין „גלות" — קבוצימווייז (וואָס פאַרשווערט די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע) און זיי האָבן זיך אינם גלות-לאַנד (פוילן) ווירטשאַפטלעך נישט איינגעאָרדנט, און טאָג־איין טאָג-אויס געוואַרט אויף דער באַלדיקער מעגלעכקייט אומצוקערן זיך אין זייער היימאַט-לאַנד, צו זייערע הייזער, פעלדער און לאָנקעס.

מיר רעזומירן אין קורצן די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונגס-גע־שיכטע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די סלאַווישע לענדער,

באַזונדערס אינם קענינרייך ליטע.

א) די ערשטע יידישע איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע געגנטן, וואָס איז געקומען פון די דרום-מזרחדיקע לענדער (קרים, קאַווקאַז, כוזרים-לאַנד און ביצאַנץ) האָט זיך נאָך אינם פריערן מיטלאַלטער שפּראַכלעך אַסימילירט מיט דער סלאַווישער באַפעלקערונג און סלאַוויש איז געוואָרן זייער אומגאַנגס-שפּראַך.

ב) יידיש איז געווען די אומגאַנגס-שפּראַך פון דער מערב-אייראָפּעישער יידישער איינוואַנדערונג אין די סלאַווישע לענדער, און דער אָנפאַנג פון דער יידישער שפּראַך אין די סלאַווישע לענדער פאַלט צוזאַמען מיטן אָנפאַנג פון דער מערב-אייראָפּעישער איינוואַנדערונג.

ג) דער איבערגאַנג פון דער ערשטער יידישער קאָלאָניזאַציע אין די סלאַווישע לענדער (סלאַוויש-רעדנדיקער) פון סלאַוויש צו יידיש אַלס אומגאַנגס-שפּראַך האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן קולטורעלן און שפּראַכלעכן איינפלוס פון דער מער אַנטוויקלטער יידיש-רעדנדיקער מערב-אייראָפּעישער איינוואַנדערונג, וואָס האָט מיט דער צייט געבילדעט דעם איבערוויגנדסטן רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע לענדער.

ד) אין קעניגרייך ליטע, ווי אויך אין די ווייטערע מזרחדיקע רוסישע געגנטן האָט זיך די דאָזיקע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע צווישן די אָרטיקע רוסיש-רעדנדיקע יידן און דער מערב-אייראָפּעישער און פּוילישער יידיש-רעדנדיקער איינוואַנדערונג אָנגעהויבן, אַלס מאַסן-ערשיינונג, ערשט אין 16 יאָרהונדערט, ווען דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן-איינוואַנדערונג פון פּוילישע און דייטשע (יידיש-רעדנדיקע) יידן.

ה) דער איבערגאַנג פון סלאַוויש צו יידיש, אַלס אומגאַנגס-שפּראַך, מצד דער אָרטיקער רוסיש-רעדנדיקער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס און האָט זיך געפונען אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו די כוחות-פאַרהעלטנישן צווישן דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג און דער שפּעטערדיקער יידיש-רעדנדיקער איינוואַנדערונג: וואָס גרעסער אַבסאָלוט

און פאַרהעלטנישמעסיק ס'איז געווען דער רוסיש־רעדנדיקער יידי־שער קיבוץ, וואָס קלענער ס'איז געווען זיין קולטורעלע און וויר־טשאַפטלעכע אָפּהענגיקייט פון דער יידיש־רעדנדיקער איינוואַנדע־רונג, — אַלץ לאַנגזאַמער איז פאָרגעקומען די דערמאָנטע שפּראַכלע־כע אַסימילאַציע — דער איבערגאַנג צו יידיש, אַלס אומגאַנגס־שפּראַך און דעריבער:

ו) האָט זיך איינציקע טיילן פון דער אָ ר ט י ק ע ר רוסיש־רע־דענדיקער יידישער באַפעלקערונג איינגעגעבן צו פאַרבאַהאַלטן זיי־ער שפּראַכלעכע זעלבסטשטענדיקייט לגבי דער יידיש־רעדנדיקער איינוואַנדערונג (רוסיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך) ביזן 17 יאָרהונ־דערט (איינגעשלאָסן).

די יידישע שפּראַך, וואָס איז אַנטשטאַנען און דורכגעמאַכט איר ערשטן געשיכטלעכן עטאַפּ אין דייטשלאַנד, איז אין איר ניי־ער היים — אין די סלאַווישע לענדער — נישט בלויז אַרונטער־געפאַלן אונטער דער השפּעה פון אַ נייער שפּראַכלעכער סביבה — סלאַוויש —, נאָר האָט אויך אין זיך אריינגענומען און אינגאַנצן „אויפגעלייזט" אַ באַדייטנדע רוסיש־שפּרעכנדיקע מאַסע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויף דער פאָנעטישער, לינגוויסטישער און גראַמאַטיקאַלישער אַנטוויקלונג פון דער אַסימילירנדער יידישער שפּראַך.

אַמדויערסטן, ווירקזאַמער און פרישער דאַרף זיין אין דער יידישער שפּראַך די ווירקונג פון די אַסימילירטע סלאַווישע עלע־מענטן — אין די געגנטן פון ליטע און רייסן, וואו די שפּראַכ־לעכע אַסימילירונג פון די רוסיש־רעדנדיקע יידן מיט די יידיש־רעדנדיקע האָט זיך אַ סך שפּעטער פאַרענדיקט (און אפשר זענען ד אָ די רוסיש־רעדנדיקע עלעמענטן אויך אַבסאָלוט און רעלאַ־טיוו געווען גרעסער), און זייערע לעצטע שפורן באַגעגענען מיר נאָך אין 17 יאָרהונדערט, — דאָס פעסטשטעלן — איז שוין אָבער די אויפגאַבע פון די יידישע פילאָלאָגן.

## אינהאַלטס=פאַרצייכניש:

**א.** די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד

1) אַ קורצער געשיכטלעכער איבערבליק 3

2) די ווירקונג פונם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל אויף דער אַנטשטייונג פון דער יידישער שפּראַך 16

3) די ווירקונג פון דער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער אויטאָנאָמיע אויף דער אַנטוויקלונג פון יידיש אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער 34

4) די היסטאָריש=סאָציאָלאָגישע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער 44

5) די יידישע שפּראַך אין די ערשטע צוויי יאָר-הונדערטן פון דער נייער צייט 55

6) דער אונטערגאנגס-פעריאָד פון דער יידישער שפּראַך אין דייטשלאַנד 61

**ב.** די שפּראַכלעכע אַנטוויקלונג פון די יידן אין די רוסישע געגנטן

# פאַרלאַג „שול און לעבן“, ווארשע

1. י. ל. פרץ — מסירת-נפש.
2. „ — דריי מתּנות, ס'אי גוט
3. „ — יוחנן וואַסערטרעגער, דער באַס.
4. „ — זיבן גוטע יאָר, דער אוצר.
5. דוד קאַסעל — משהלעס קינדעריאָרן I טייל.
6. „ — „ „ II „
7. פּראָפ. ד"ר פ. שניאורסאָן — די געזעלשאַפט, די שול און די דעפעקטיווע קינדער.
8. ש. גילינסקי און ה. פּאַנאַבעריע — אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 2-טן שול-יאָר.
9. ש. גילינסקי — אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן 3. שול-יאָר
10. בן-ציון רובשטיין — די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך.
11. א. רייז — אַריטמעטיק פאַר דערוואַקסנע.
12. מאָנטעסאָרי — דאָס קינדער-הויז.
13. שאַרלמאַן — די אַרבעטס-שול.
14. א. גינצבורג — געאָגראַפיע פון פּוילן.
15. „ — געאָגראַפישע מאַפּע פון פּוילן.
16. באַרעל — קורס פאַר געאָמעטריע.
17. פּראָפ. ד"ר פ. שניאורסאָן — דאָס אינטימע לעבן פון נאָרמאַלן קינד.
18. פּעדאַגאָגישער אָמט צ. י. ש. אָ. — שול-אינסטרוקציע.
19. „ „ — קלאַסן-זשורנאַלן.

אַדרעס פאַר בריוו:
Wydawnictwo „Szkoła i Życie"
Warszawa, Nowolipki 41/6.

אַדרעס פאַר געלט:
P. K. O. 3656.

EESTI ÜLIKOOLI RAAMATUKOGU TARTU ÜLIKOOL Jw.m.786

# פארלאג „שול און לעבן", ווארשע

## זשורנאלן:

„שול און לעבן" ארגאן פון דער יידי-
שער שול ארגאניזאציע אין פוילן.

*

„די נייע שול" פעדאגאגישער זשורנאל.

*

„דער חבר" חודשדיקער זשורנאל פאר
יינגערע קינדער.

*

„גרינינקע ביימעלעך" 2 וואכנטלע-
כער זשורנאל פאר יינגערע קינדער.

*

„שול און היים" זשורנאל פאר עלטערן.

*

חוץ דעם געפינען זיך אויפן לאגער א גרוי-
סער אויסוואל לערן-ביכער, קינדער-מעשה-
לעך, קינדער-פיעסן און לייען ביכער פון
פארשידענע פארלאגן.

*

אדרעס פאר בריוו:
Wydawnictwo „Szkoła i Życie"
Warszawa, Nowolipki 41/6.

אדרעס פאר געלט:
P. K. O. 3656.